# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

נומער 21 • דאנערשטאג, כ"א טבת תשפ"ז • 31סטן דעצעמבער 2026 • פרשת שמות

וְהִנֵּה הַסְּנֶה בֹּעֵר בָּאֵשׁ וְהַסְּנֶה אֵינֶנּוּ אֻכָּל

שמות ג', ב' • פרשת שמות



אין דעם נומער

**פרעה, דער פאליטיקאנט**
חכם-לב • עיון אין דער סדרה

**שנים מקרא — ווען, ווי און פארוואס**
ברסלבער • הלכה למעשה

**די מוטער פון יוכבד, און א בילד פון משה רבינו**
קרעמער, פענסטער, יאנאש • שמועסן

**יציאה ממציאה: שעבוד מצרים און די ארכעאלאגיע**
ובבנתה העיר • תורה און וויסנשאפט

**ר' מיכל'ע פון נתניה: א צדיק פון אמאל**
אנשי שם • כ"ב טבת

**א בחור אין אילת**
smart • א שמייכל

**ארכיוו**

נומער 21 • דאנערשטאג, כ"א טבת תשפ"ז
31סטן דעצעמבער 2026 • פרשת שמות

הקדמה

# א גוטן דאנערשטאג — ואלה שמות

טייערע לייענער,

די וואך הייבן מיר אן א נייעם חומש – ספר שמות. „ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה“: די שבטים זענען נפטר געווארן, „ויקם מלך חדש“, און א פאלק פון גאסטן ווערט א פאלק פון שקלאפן. אבער אין דער זעלבער סדרה ווערט משה רבינו געבוירן, אויפגעצויגן אין פרעה'ס פאלאץ, און ביים סנה וואס ברענט און ווערט נישט פארברענט הערט ער: „שלח נא ביד תשלח“.

אין אונזער הויפט־ארטיקל לייענט „חכם-לב“ די ערשטע פסוקים פון ספר שמות מיט דעם רמב"ן, און וויזוי ווי פרעה פירט זיין פאלק טריט נאך טריט פון „הבה נתחכמה לו“ ביז „היאורה תשליכוהו“. אויף היידפארק האט מען אין תשס"ו געזוכט דעם נאמען פון יוכבד'ס מוטער, גערעכנט ווי אלט יוכבד איז געווען ביי מרים'ס געבורט, און פארציילט די מעשה פונעם מלך וואס האט געשיקט א מאלער צו משה רבינו. אין „תורה און וויסנשאפט“ גייען מיר מיט „ונבנתה העיר“ צו די ארכעאלאגישע געפינסן פון דער תקופה פון שעבוד מצרים: ציגל מיט שטרוי, א קנעכט־ליסטע, און אן ארבעטער־שטעטל וואס מען האט פארלאזט בחפזון.

מיט פרשת שמות הייבן אן די שובבי"ם־וואכן, און אסאך פרובירן צו זיין מעביר סדרה שנים מקרא ואחד תרגום. אין „הלכה למעשה“ קריגט מען זיך: יעדן טאג א ביסל, אדער אלעס אויף איינמאל פרייטאג? מארגן, כ"ב טבת, איז די יארצייט פון ר' מיכל'ע פון נתניה, און אין „אנשי שם“ פארציילן די שרייבער פון זיין צדקה, זיינע דרשות און זיינע חנוכה־ליכט. און אין „א שמייכל“ קומט א ישיבה־בחור אהיים פון אילת... דערצו קומען די פעסטע קאלומס: „יארצייטן פון דער וואך“, „פערל פון די ארכיוון“, „היינט מיט . . . יאר צוריק“ און „די תגובה פון דער וואך“.

ביי יעדן שטיק שטייט פון וועלכן ארכיוו עס קומט, דער ניק פונעם שרייבער, און ווען עס איז געשריבן געווארן. די ווערטער זענען זייערע; מיר האבן מגיה געווען דעם אויסלייג און די גראמאטיק, און וואו מיר האבן עפעס אויסגעלאזט, שטייט „[פארקירצט]“.

א גוט שבת, א גוט וואך, און א גוטן חודש – שבת מברכים חודש שבט!

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער


| | | |
|---|---|---|
| עיון אין דער סדרה | פרעה, דער פאליטיקאנט • חכם-לב | 3 |
| שמועסן אויף דער סדרה | די מוטער פון יוכבד, ששה בכרס אחד, און א בילד פון משה רבינו • קרעמער, פענסטער, יאנאש און אנדערע | 6 |
| הלכה למעשה | שנים מקרא ואחד תרגום – „כל המוסיף גורע“? • ברסלבער, דעת תורה, העלא און אנדערע | 8 |
| תורה און וויסנשאפט | ילפינן יציאה ממציאה: שעבוד מצרים אין ליכט פון דער ארכעאלאגיע • ונבנתה העיר | 13 |
| אנשי שם • כ"ב טבת | ר' מיכל'ע פון נתניה – א גוטער איד פון דעם אמאליגן טיפ • שמעקעדיג, עדיאל, Kool man און אנדערע | 16 |
| א שמייכל | א בחור אין אילת • smart | 19 |
| היסטאריע | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | 20 |
| לוח | יארצייטן פון דער וואך • כינר1 | 23 |
| קורץ און שארף | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | 24 |
| קאלום | די תגובה פון דער וואך • טאמבל סאס | 26 |
| מקורות | מקורות • די רעדאקציע | 27 |

עיון אין דער סדרה

# פרעה, דער פאליטיקאנט

ווי אזוי מאכט מען פון א פאלק וואס האט אויפגעבויט א לאנד א פאלק פון שקלאפן? „חכם-לב“ לייענט דעם אנהייב פון ספר שמות מיט דעם רמב"ן – טריט נאך טריט, פון „הבה נתחכמה לו“ ביז „כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו“.

פון **חכם-לב** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „פרעה, דער פאליטיקאנט“ • 19טן יאנואר 2017
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11246.html#p360168

חזק, חזק ונתחזק!

איך באצומיך נאך צום ויחי, ווייל סדר שמות איז דאך א המשך פון ויחי, אמת טאקע מ'האט שוין גע'ענדיגט דאס לעבן פון די שלשה אבות, אבער דאך, ויוסף הורד מצרימה איז דאך אין פריערדיגן ספר.

אבער דאך האלטן מיר שוין ביי א נייע ספר, ספר שמות. דאס קינד אין מיך געדענקט נאך די פרייליכע שטימונג פון אהיימברענגען די צעריסענע בראשית חומש און גיין לויפן קויפן דעם שפאגל נייע רויטן שמות מקראות גדולות חומש, וואס האט צום סוף געהאט די גליטשיגע קאלירפולען בילדער פון כלי המשכן און גבולות הארץ. סדר שמות איז נאטורליך געווען אנ'אינטערעסאנטן, פרעה גייט כאפן מכות, מ'גייט לערנען די יסודות האמונה, אלעס איז דאך זכר ליציאת מצרים.

דער ספר איז טאקע א ספר פון גאולה, דער ספר פון חירות, דער ספר פון ויאמינו בד', פון מתן תורה, פון השראת השכינה. דער אנהייב פון דעם ספר איז אבער א ספר פון חשכות און פון שיעבוד, פון גלות, פון נסתמו עיניהם ולבם של ישראל. ס'קען ווערן געזאגט אבער אז ס'גאר נישטא קיין גאולה אן א גלות, און אפשר גאר ווי גרעסער די עבדות אלס גרעסער די חירות.

איך וויל מיך שטעלן אויף אנ'אינטערעסאנטן נקודה, ראשונים רירן שוין צו דערצו, דאס איז די כראנילאגישע סדר הדברים פון וויאזוי מען דערנידערט א פאלק, א פאלק וואס האט אימאגרירט און געשטעלט א משנה למלך וואס האט זיי אלע געראטעוועט פון א זיכערן טויט, דאס איז דאך א שווערע זאך צו טון פאליטיש. דאס איז אגב אויכעט א זאך וואס האט זיך איבערגעשפילט פילצאליגע מאל אין דער היסטאריע פון דעם אידישן פאלק. מעשה אבות סימן לבנים.

א גאר אינטערעסאנטע זאך איז אז די תורה געבט נישט אן קיין שום סיבה פאר דער שנאה וואס די מצריים האבן געהאט צו די בני ישראל. נאר איין זאך, ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאוד מאוד. זעקס לשונות פון פארמערן. ותמלא הארץ אותם. ווי מען איז נאר געגאנגען האט מען זיי געזען. מען האט געזען א ווייסער מענטש, וואס גערעדט אנ'אנדער שפראך מיט מאדנע נעמען און איז געגאנגען אנדערש אנגעטון. דער איד האט אין זיך נישט אריינגענומען דעם ביליגן קולטור פונעם מ"ט שערי טומאה.

הגם ס'שטייט נישט אז דאס איז געווען די סיבה פון דער שנאה, עס שטייט נאר די פאקט, דאך קען מען זאגן אז דאס האט געברענגט צו די הבה נתחכמה לו.

ויקם מלך חדש, עשה עצמו כאילו לא ידע את יוסף. ס'איז דא געלט אין גאס, דער עולם הונגערט נישט. אבער שנאה איז דא, מען קען נישט פארנעמען אז דער אימאגראנט איז גלייכגילטיג און באטייליגט זיך נישט אין דער קולטור. דער נייע קעניג מאכט זיך ווי ער ווייסט נישט די אלע פארדינסטן וואס יעדער האט דא איז נאר אדאנק דעם איד. ער באגרויסט זיך און וויל פון דעם איד פטור ווערן, אבער שוין. דארף מען האבן א פלאן.

> **ס'איז דא געלט אין גאס, דער עולם הונגערט נישט. אבער שנאה איז דא**

עס איז מערקווירדיג די ווערטער פונעם רמב"ן דא, איך וועל ציטירן זיין לשון הטהור דא, "לא ראה פרעה וחכמי יועציו להכותם בחרב, כי תהיה בגידה גדולה להכות חנם העם אשר באו בארץ במצוות המלך הראשון. וגם עם הארץ לא יתנו רשות למלך לעשות חמס כזה, כי עמהם הוא מתייעץ ואף כי בני ישראל עם רב ועצום ויעשו עמהם מלחמה גדולה. אבל אמר שיעשו דרך חכמה שלא ירגישו ישראל כי באיבה יעשו בהם, כי דרך הגרים בארץ להעלות מס למלך כמו שבא בשלמה. ואחרי כן, צוה בסתר למילדות להרוג הזכרים על האבנים, ואפילו היולדת עצמן לא ידעו בהם. ואחרי כן, צוה לכל עמו כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו אתם, והענין, שלא רצה לצוות לשרי הטבחים אשר לו להרגם בחרב המלך או שישליכו הם אותם ליאור. אבל אמר לעם, כאשר ימצא כל אחד ילד יהודי ישליך אותו ביאור, ואם יצעק אבי הילד אל המלך או אל שר העיר, יאמרו שיביא עדים ויעשה בו

נקמה. וכאשר הותרה רצועת המלך היו המצרים מחפשים הבתים ונכנסים שם בלילות ומתנכרים ומוציאים הילדים משם".

די רמב"ן זאגט דא א מורא'דיגע זאך וואס מען זעט האט זיך אפגעשפילט אין דער היסטארישער געשיכטע פונעם איד. מען קען נישט קומען סתם הרג'נען מענטשן. די פאלק וועט דאס קיינמאל נישט צולאזן, אבער ווען מען גייט צוביסלעך, קען מען אנקומען ביזן ערגסטן גרויזאם.

דער פלאן איז געווען א געניאלע, מען קומט צום פאלק און מ'מאכט, 'הנה', ס'דא א פאלק וואס מערט זיך, וואס וועט זיין אויב ס'געשעט א מלחמה? דער איד וועט דאך אוודאי נישט זיין אויף אונזער זייט. מלחמה, מיט וועם? קיינער ווייסט נישט. ווער זאגט דער איד וועט גיין קעגן? קיינער ווייסט זיכער נישט. אבער דער עולם גולם ווערט דערשראקן, פרעה דער גאט האט ארויסגעזאגט פון מויל אז ער האט מורא פאר מלחמה און פונעם איד. דער פאלק ווערט דערשראקן און צוטראגן, מען פאנגט אן האבן א בליק אז דער איד איז נישט משלנו, און מ'קען נישט לאזן דעם סטאטוס קוואו און 'איגנארירן' דעם פראבלעם. זאגט פרעה, הערטס מיך אויס... מען דארף זיין גרייט פאר א מלחמה, דארף מען דאך בויען אוצרות פאר דעם מיליטער, איז לאמיר לייגן אויף זיי א שטייער, זיי זענען דאך שיינע פארדינער, און אז מהעט לייגן א גרויסן שטייער וועלן זיי דאך דארפן ארבעטן שווערער. פארן איד זאגט מען אבער אז דאס איז אלעס לטובתו, ווייל מען דארף דאך דאס האבן פארן "מלחמה". מ'דערשרעקט דעם פאלק. נישטא קיין מלחמה, נישטא קיין גארנישט, ס'דא איין זאך, דער אבן עזרא זאגט "לייבש זרע הזכרים", מען וויל פארניכטן דעם אידיש פאלק. מצרים זאל זיין "יודן-ריין".

שפעטער, האט זיך אנגעהויבן אז מען דארף נישט נאר דעם אידס געלט. ער דארף אנהייבן בויען מיט זיין הענט און פיס. דער אידעלע רועי צאן, האט מען אנגעהויבן פייניגן פיזיש, מ'האט אים געגעבן די שטרוי און די ליים, אלעס אבי דו זאלסט ארבעטן. מ'דארף דאך בויען שנעל, ווייל אט אט פאנגט זיך אן די "מלחמה".

דערנאך האט מען אנגעהויבן פרעדיגן נאציאנאליזם, אונז גיימיר זיין מעכטיג, פרעכטיג, גרויס און שיין. פיתום ורעמסס, הערליכע שטעט גיימיר בויען, אונזער קולטור וועט זיין די פראכט און גאווה פון מצרים! דער וועלט וועט אויסגיין פאר קנאה, יעדער וועט וועלן זיין א מצרישע בירגער. ווער גייט דאס בויען? אוודאי דער איד, יעצט הערט מען שוין אויף אים צו געבן די ליים.

[ס'איז דא א ווארט פון א גויאישן עסרייכישן שרייבער, פראנס גרילפארזער, "פון מענטשהייט דורך נאציאנאליזם צו חיושקייט" (ער איז געשטארבן אין 1872!).]

יעצט צוביסלעך האט שוין יעדער פארשטאנען אז דער אידס בלוט איז הפקר. ער איז א דרויסנדיגער, ער איז נישט פון אונזער קולטור. מרעדט שוין נישט פון קיין מלחמה, מ'דארף שוין נישט קיין ערי מסכנות. ס'איז שוין דא ריפארטס אז פרעה האט זיך געטראפן מיט די אידישע מילדות'ן שטילערהייט, יעדער פארשטייט וואס דאס מיינט. פארשטייט זיך אז די אפיציעלע ביורא פון דעם קעניגליכן פאלאץ האט דאס נאכנישט פעסטגעשטעלט.

די שנאה איז שוין גענוג געוואקסן ביים פאלק, זיי זענען שוין גרייט צו הערן דעם כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו. ס'איז שוין לעגאל צו הרג'נען דעם איד. דער געזעץ זאגט אז אידיש בלוט איז הפקר. פארוואס? ווייל אזוי. די אגדה זאגט אז מ'האט אריינגעבויעט אידן אין בנינים, מדארף א ביעם? וואס איז שלעכט מיט אידישע ביינער. (פשט קען זיין אז א מענטשנ'ס ארבעט איז זיין בלוט, און זיי האבן אזוי שטארק געפייניגט, אז דער ציגל האט נאר געדארפט די אידיש ארבעט/בלוט, מ'האט נישט געדארפט די בנינים, ס'דא נאך א מדרש אז זיי האבן בונה וסותר געווען. פון מיין ידיד מ.)

## הלבנת פנים איז די ערשטע טריט אויפן קורצן וועג צו שפיכת דמים

דער קעניג איז עושה מעשה בפומבי, די דאקטורים זאגן ער דארף זיך באדן אין בלוט. שוין, האט מען דאך אידיש בלוט.

מען האט געשלאגן, געפייניגט און גע'הרג'ט - ווייל ער איז אנדערש. ער איז אן אימאגראנט.

דאס זעלבע האט זיך אפגעשפילט אין כמעט יעדע מדינה ווי אידן האבן זיך געפונען במשך הדורות, מ'האט מיט פחד און נאציאנאליזם אנגעדרייט העץ און שנאה קעגן דעם איד. ער איז געווען דער שעיר לעזאזל פאר יעדנס פראבלעמען. דער איד איז איבעראל און אייביג געבליבן א פרעמדער.

דער איד האט א געבאט "וגר לא תונה ולא תלחצנו, כי גרים הייתם בארץ נכרייה". צומאל מאכט זיך אז מען לאכט און מ'שפעט אפ פון איינער וואס איז פרעמדער און אנדערש, הלבנת פנים איז די ערשטע טריט אויפן קורצן וועג צו שפיכת דמים.

## „אשר הציל אתכם מיד פרעה“

באלד נאכן ארטיקל האט „ליטוואק פון בודאפעסט“ צוגעלייגט א פשט וואס ער האט געהערט בשם רבנים פון בריסק:

ר' אברהם יהושע סאלאווייציק פון בריסק פלעגט נאכזאגן, דוכט זיך פון הרב מיכל ראשקעס דער חסידישע דיין אין בריסק (און פאטער פון הרב ברוך ראזענבערג פון סלאבאדקא) בשם זיין רבי, אז דער פסוק אין פרשת יתרו זאגט אונז ויחד יתרו ויאמר ברוך ה' אשר הציל אתכם מיד פרעה אשר הציל אתכם מיד מצרים. האט ער געזאגט אז די אידן האבן געמיינט אז די מצרים זענען געפערליך, נאר פרעה האט זיי געראטעוועט. ער האט אויסגעמאלן די גאנצע געשיכטע, ווי די אידן האבן געכאפט אז מ'גנב'ט זייער קינדער און מ'איז געגאנגען א משלחת צו פרעה'ן, וואס האט רע'אגירט מיט כלומרש'ט וואונדער "וואס?! ביי מיר אין לאנד?! מ'גייט שוין בודק זיין!" דערנאך האט מען געהאלטן אז ער איז דער 'אנשטענדיגע גוי'. נאר יתרו איז געווען פון די שלשה באותה עצה, און ער האט געוואוסט וואס דא טוט זיך. 'ברוך ה' אשר הציל אתכם מיד פרעה אשר הציל אתכם מיד מצרים', געבענטשט איז דער אויבשיטער וואס האט אייך געראטעוועט פון דעם פרעה, וואס דער פרעה האט אייך כלומרש'ט געראטעוועט פון מצרים, פון איהם האט מען געדארפט א הצלה, און פון זיין הצלה האט מען זיך געדארפט ראטעווען.

ליטוואק פון בודאפעסט • קאווע שטיבל • 19טן יאנואר 2017

שמועסן אויף דער סדרה

# די מוטער פון יוכבד, ששה בכרס אחד, און א בילד פון משה רבינו

אינעם אשכול „פרשת שמות“ אויף היידפארק האט „קרעמער“ אין טבת תשס"ו געשטעלט א „פראגע פון די וואך“, געברענגט קרישקעלעך פון דעת זקנים – און די שרייבער האבן גענומען רעכענען יארן און פרעגן קשיות.

פון **קרעמער, פענסטער, יאנאש און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

היידפארק • היימישע קרעטשמע • „^^^^^^ פרשת שמות ^^^^^^“ • 15טן–26סטן יאנואר 2006
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1763891.html#p-1763891

---

**קרעמער** • 15טן יאנואר 2006

פראגע פון די וואך:

וויאזוי האט געהייסן די מוטער פון משה רבינו'ס מוטער יוכבד?

**קרעמער** • 17טן יאנואר 2006

שיינע זאכן פון די סדרה:

ויעש להם בתים = זאגט דער דעת זקנים אז דאס מיינט פשוט אז פרעה האט זיי איינגעשפארט אין געפענגעניש! אז זיי זאלן מער נישט קענען העלפן די אידישע מאמעס.

**קרעמער** • 18טן יאנואר 2006

קרישקעלעך פון די מפרשים:

דער דעת זקנים שרייבט אז די פאסטוכער האבן פשוט אריינגעטראסקעט יתרו'ס טעכטער אין ים אריין, מיט דעם גיבט ער צו פארשטיין די לשון "ישועה" וואס שטייט אז משה רבינו האט זיי געהאלפן, וואס מיר געפונען דעם לשון ביי א דערטרונקענעם, ווי עס שטייט "הושיעני כי באו מים עד נפש".

די האנט פון בתי-ה האט זיך אויסגעשפרייט 60 אמות אזוי שטייט אין דעת זקנים.

עס זענען פארהאן עטליכע ווענן וויאזוי מען לערנט ארויס פון פסוק אז די אידישע פרויען האבן געבוירן זעקס קינדערלעך אויף איינמאל, טייל זאגן אז מען לערנט דאס ארויס פון די זעקס לשונות אין פסוק: 1. פרו. 2. וירבו. 3. וישרצו. 4. ויעצמו. 5. במאד. 6. מאד.

אנדערע זאגן אז "פרו וישרצו" איז בגימטריא "ששה בכרס אחד" ווייניגער 2 (במאד מאד איז משלים די 2), דעת זקנים.

דער ספורנו זאגט אז "וישרצו" מיינט אז די אידן האבן זיך ליידער אויפגעפירט ווי די שרצים פון ווען די היילגע שבטים זענען נפטר געווארן.

דער אבן עזרא ברענגט צו פון דאקטוירים אז דאס מערסטע וואס א פרוי קען האבן אויפאמאל איז 7 קינדער.

דער דעת זקנים (פ' תזריע) ברענגט פון די חכמי הטבע אז עס זענען דא זיבן קעמערלעך אין די רחם, די רעכטע דריי פאר זכרים, די לינקע דריי פאר נקבות, און די מיטעלסטע איז פאר טומטום ואנדרוגינוס. (עס ווערט צוגעברענגט אין גור אריה די וואך, און אין אלי' רבה או"ח סי' ר"מ).

**פענסטער** • 20סטן יאנואר 2006

די וואך שרייבט רש"י אז ווען יוכבד איז אלט געווען 130 יאר ווען משה רבינו איז געבוירן, שטעלט זיך א פראגע פארוואס ביי שרה וואס זי איז נאר אלט געווען 90 יאר פארציילט די תורה די גרויסע נס וואס איז געשען, משא"כ יעצט ביי יוכבד וואס איז לכאורה נאך א גרעסערע נס שרייבט נישט די תורה גארנישט?

**קרעמער** • 20סטן יאנואר 2006

ווייל יוכבד האט שוין געהאט קינדער פון פריער! (משא"כ ביי שרה איז דאס געווען די ערשטע קינד).

**פענסטער** • 20סטן יאנואר 2006

קרעמער;

ווען די תורה שרייבט דעם נס פון שרה שטייט נישט אז די גרויסקייט פון דעם נס איז ווען ס'איז די ערשטע קינד, נאר "אחרי בלותי היתה לי עדנה" אדער "ואדוני זקן" און דאס גלייכן, און יוכבד איז דאך געווען נאך עלטער, און קיין ווארט ווערט נישט דערמאנט דערפון און די תורה.

**קרעמער** • 22סטן יאנואר 2006

פענסטער;

איך געדענק נישט יעצט אין וועלכע ספר איך האב געזען די תירוץ וואס איך האב געשריבן, אבער לכאורה וואלסטו געקענט פרעגן דערויף א שטארקערע קשיא, אמער, ווען "מרים" - די עלטסטע קינד פון יוכבד - איז געבוירן, איז יוכבד אלט געווען 124 (מרים איז געווען 6 יאר עלטער פון משה רבינו), קומט דאך אויס אז ז איז ביי איר עלטסטע קינד געווען 34 יאר עלטער פון שרה אמינו?

**קרעמער** • 22סטן יאנואר 2006

די ענטפער אויף די שאלה פון די וואך איז

אותה

אזוי שטייט אין דעת זקנים (וואו דען???) סדר במדבר (כ"ו, נ"ט) וז"ל: אשר ילדה אותה ללוי, כי אשתו של לוי אותה שמה עכ"ל.

**גראַף** • 22סטן יאנואר 2006

מיין ברודער האט מיר געזאגט א תירוץ פונעם דובנער מגיד, אז וויבאלד אין מצרים איז געווען געוואלדיגע ניסים פון "ששה בכרס אחד" וכו', איז שוין נישט געווען קיין גרויסע גדולה אז יוכבד האט געבוירן א קינד ביי די 130.

**פענסטער** • 22סטן יאנואר 2006

קרעמער;

אזוי שטייט טאקע פון דובנער מגיד און ער לייגט נאך צו א משל צו דעם, אז אמאל איז אן ארימאן ארויסגעקומען פון אן עושר'ס הויז מלא שמחה אז דער עושר האט אים געגעבן א גאנצע גולדן, זאגט אים א צווייטער ארימאן הע! איך האב באקומען פון אים צוויי גולדן, זאגט אים דער ערשטער ס'קען נישט זיין ער איז דאך א קארגער, ווען האט ער דיר געגעבן צוויי גולדן, ענטפערט ער אים וואס הייסט איך בין ארויפגעגאנגען פורים צו דעם עושר און ער האט מיר געגעבן 2 גולדן, זאגט ער אים צוריק א גרויסע קונץ פורים טיילט דאך יעדער איינער גרויסע געלטער, משא"כ איך האב באקומען אין א פלעינע וואכן טאג א גאנצע גולדן. והנמשל מובן מאיליו.

**cano** • 25סטן יאנואר 2006

איז משה רבינו געבוירן געווארן ריין פין שלעכטע מידות אדער האט ער שווער געארבעט ביז זיין יצר הרע האט געזען מיט וועם ער האנדעלט און געפאקט פעק ???

**יאנאש** • 26סטן יאנואר 2006

עס איז באקאנט די מעשה מיין איך, אבער איבערפארציילן שאדט נישט. אין די צייטן פון משה רבינו איז געווען א מלך וואס האט געהערט פון די מורא'דיגע ניסים וואס השי"ת האט געטאן פאר אידישע קינדער דורך זיין עבד נאמן משה רבינו, האט ער זייער שטארק געוואלט קענען משה רבינו'ן פערזענליך. אבער היות עס איז נישט געווען ווי היינט, וואס מען פארט פון איין פלאץ צום צווייטן אזוי גרינג, און ווודאי נישט א מלך, האט דער מלך געדונגען איינע פון די באריםסטע מעלער אין יענע עפאכע, אז ער זאל ארא פארן דארטן וואו די אידן געפונען זיך, און אפמאלן א בילד פון משה רבינו. וכך הוה, דער מעלער איז ארא געפארן אהין, און טאקע אפגעמאלן א בילד פון משה רבינו מיט אלע דעטאלן און צוריק געברענגט צו זיין מלך. ווי נאר דער מלך האט באקומען דעם בילד האט צוזאמען גערופן אלע זיינע חכמים, זיי זאלן אים געבן א רעפארט אויף דער מהות פון משה רבינו. זיי האבן אלע פה אחד געזאגט אז עס קען נישט זיין אז דאס זאל זיין דער וועלט בארימטער מלך ישראל, ווייל פשוט זיי זען נישט אויף אים קיין איין גוטע מדה. האט זיך דער מלך זייער אויפגערעגט אויפ'ן מעלער פארוואס ער פאפט אים אויס וכו......(המגי',כאן צריך להאריך בהקולות). האט אים דער מעלער געזאגט, אדוני המלך איך שווער ביי אלעס וואס איז הייליג אז דער איז דער מענטש

וועמען דו האסט מיר געהייסן נאכמאלן, אדרבה זאל דער מלך אראפקומען מיט מיר אין זיך איבערצייגן. דער מלך איז טאקע אראפגעפארן, מען האט אים אויפגענומען בכבוד גדול ווי עס פאסט, און ער האט טאקע געזען אז דאס איז משה רבינו ווי אויפן בילד. פארן זיך געזעגענען, האט דער מלך זיך נישט געקענט איינהאלטן און ער האט געפרעגט משה רבינו, וואס איז פשט אז אויפן בילד וואס דער מעלער האט מיר געברענגט קען מען נאר זען שלעכטע מידות?? האט אים

משה רבינו גע'ענטפערט, באמת בין איך געבוירן אן קיין איין מדה טובה, אבער איך האב אזוי שטארק געארבעט אויף מיר אזש איך בין אויפגעוואקסן דאס וואס דו זעסט. עד כאן המעשה.

אזוי געדענק איך די מעשה אויב איינער ווייסט אנדערש ביטע זאגן, יישר כח

הלכה למעשה

# שנים מקרא ואחד תרגום – „כל המוסיף גורע“?

די וואך הייבט מען אן די „שובבי"ם“-וואכן, און מיט ספר שמות פרובירן אסאך צו זיין מעביר סדרה. „ברסלבער“ האט פארגעלייגט א וועג וואס מען קען האלטן, און דער אשכול האט זיך צעקאכט: יעדן טאג א ביסל אדער אלעס פרייטאג? וואס איז דער חיוב, און פארוואס זאגט מען תרגום?

פון **ברסלבער, דעת תורה, העלא און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „פרשת שמו"ת לערנט אונז, כל המוסיף גורע!“ • 16טן דעצעמבער 2013 – 27סטן דעצעמבער 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5435.html#p168362

**ברסלבער** • 16טן דעצעמבער 2013

אלס חכם עדיף מנביא, ווייס איך שוין די תורה וואס מיינע אינגלעך וועלן זאגן דעם שבת ביים טיש. דער אינגערער וועט זאגן פון לבוש: "ואלה שמות איז די ר"ת, ו'חייב א'דם ל'העביר ה'סדרה ש'נים מ'קרא ו'אחד ת'רגום", דער עלטערער וועט שוין זאגן די לענגערע ווערסיע פון בעל הטורים: "ואלה שמות בני ישראל איז די ר"ת, ו'אדם א'שר ל'ומד ה'סדר, ש'נים מ'קרא ו'אחד ת'רגום, ב'קול נ'עים י'שיר, י'חיה ש'נים ר'בות א'רוכים ל'עולם."

ווי אזוי ווייס איך עס? ווייל איך האב עס אויך געזאגט פאר מיין טאטע אין דעם עלטער, און אזוי קייקלט זיך עס זיך מדור לדור, בלי שום שינוי זוז כל שהוא.

איך האב זיך אבער אייביג זייער געמוטשעט מיט דעם רמז, עס איז מיר נישט אריין אין קאפ. זייער א שיינער רמז אז מען דארף מעביר סדרה זיין, דאס איז דאך א מצוה פון חז"ל "לעולם ישלים אדם פרשיותיו עם הציבור שכל המשלים פרשיותיו עם הציבור משלימין לו ימיו ושנותיו", עס קומט נאך מיט אזא שיינע הבטחה פאר אריכת ימים ושנים. אבער די קשיא איז וואו קומט דאס אריין יעצט אין פרשת שמות. יעצט דערמאנסטו מיר אז מען דארף מעביר סדרה זיין? נאכדעם וואס איז שוין דורך א גאנצע סדר בראשית וואו

איך האב נישט מעביר סדרה געווען? און נאך מער איז שווער, פ' שמות קומט געווענליך אויס פון די קורצע פרייטאגס פון יאר, פונקט יעצט זאגסטו מיר צו מעביר סדרה זיין? קוים וואס איך קום אן צו אטעמען אין אזא קורצע פרייטאג, ווי קען איך נאך ארייננשטופן שנים מקרא ואחד תרגום?

ווען מען מאכט א שטיקל סורוועי ביים עולם זעט מען אז רוב מענטשן זענען נישט מעביר סדרה. באמת איז דאס אינטערעסאנט, שטייענדיג אין אזא צייט ווי יעצט, אין אזא סגולות-עפאכע, ווען יעדער זוכט סגולות פון אונטערן טיש, פרק שירה/בת עין/צינדן ליכט/שיר השירים/און נאך, כוללים יאווען זיך ווי שוואמען נאך א רעגן כולל תהלים/חצות/עין הרע/מנורת המאור און נאך. וואס רוב פון די סגולות זענען געבויעט אויף צווייפלהאפטיגע מקורות, עס קען טאקע נישט שאטן, אבער לאו דוקא אז עס טוט עפעס אויף. אין אזא צייט וואלט זיך דער עולם ווען געדארפט צוכאפן צו אזא סגולה וואס איז א קלארע חז"ל וואס זענען מבטיח אז ווער עס איז מעביר סדרה וועט האבן געזונטע לאנגע יארן, אבער משום איזה סיבה האט זיך דער עולם נישט צו שטארק צוגעכאפט דערצו.

און די סיבה איז באמת זייער פשוט, אפילו די לאנגע פרייטאגס זענען אויך זייער קורץ, וועאכו"כ די קורצע, און מען קומט נישט אן דערצו. פרייטאג צו נאכטס, אדער גייט מען צום טיש, אדער פאלט מען אריין אין בעט מיטן חשבון אז מארגן וועט מען אויפשטיין פרי און מעביר'ן די סדרה נאך פארן דאווענען, אינדערפרי שטייט מען אויף און מיט איין אטעם לויפט מען אין שול קוים צו כאפן דעם קל אדון. שוין, נאך דער סעודה וועל איך עס משלים זיין, א מענטש טראכט און גאט לאכט, נאכן טשולענט פאלט מען ווייטער אנידער אין בעט און ווען מען שטייט אויף קען מען קוים כאפן מנחה, און אזוי איז עס דורך, און מען זאגט זיך הייס צו אז נעקסטע וואך וועט מען מעביר סדרה זיין, און דאן איז די גאנצע מעשה חוזר חלילה, ביז ווען מען מאכט אפ, איינער פריער און איינער שפעטער, אז דאס איז נישט פאר מיר געמאכט, די הלכה איז געגעבן געווארן בלויז פאר מלאכים, אדער פאר מענטשן וואס זענען דומה למלאך ה', אבער מיר פשוטע אידן קענען דאס בדרך הטבע נישט באוויזן.

דא קומט אריין די חכמת התורה וואס האט אונז אנגעזאגט לא תוסיפו על הדבר ולא תגרע ממנו, לייג מיר נישט צו צו דער תורה, און אזוי וועסטו נישט אראפנעמען, שכל המוסיף גורע.

א בחור אין ישיבה, וואס לכאורה איז ער דארט מען זאל אים לערנען א וועג פאר זיינע קומענדיגע יארן, האט מען איינגעפירט אז פרייטאג נאכן דאווענען בלייבט מען מיט די תפלין און מען איז מעביר סדרה די גאנצע פרשה, נאך פאר פרישטאג.

זעט אויס זייער א שיינער מנהג, אבער ווען מען קוקט די קאנסקווענצן, זעט מען אז דאס איז מבטיח אז דער בחור זאל מער נישט מעביר סדרה זיין א גאנץ לעבן.

ווער האט די געדולד און נערוון צו זיצן א שעה צייט מיט די תפלין הונגעריג און מעביר סדרה זיין?

ווען מען קוקט אין שלחן ערוך די הלכות פון מעביר סדרה זיין (או"ח סימן רפ"ה) זעט מען גאר אינטערעסאנטע זאכן. מען דארף בכלל נישט מעביר סדרה זיין פרייטאג, פון זונטאג קען מען שוין אנהויבן מעביר סדרה זיין (און באמת נאך פון שבת נאך מנחה, ווען מען האט שוין געליינט די נייע פרשה). מען מוז נישט דורכגיין די גאנצע סדרה אויף איין מאל עס קען זיין שטיקלווייז. מען מעג אויסרעדן אינמיטן. מען דארף עס נישט זינגען מיט די טראפן. מען דארף נישט זאגן פארדעם קיין שום פסוקים. מען דארף נישט זאגן נאכדעם די הפטורה און נישט קיין שום מזמורי תהלים. און פארשטייט זיך אז מען דארף עס נישט טון מיט די תפלין.

דער משנה ברורה ברענגט אז דער גר"א האט מעביר סדרה געווען יעדן טאג אביסל, זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי, דינסטאג ביז רביעי, און אזוי ווייטער ביז סוף וואך האט ער געענדיגט די גאנצע סדרה.

ווען איך האב דאס געהערט, האב איך אויך עס אנגעהויבן צו טון, עס נעמט יעדן טאג בערך פינף מינוט, מען פילט אפילו נישט אז מען האט עפעס געטון, און זייט דעמאלט האב איך נאכנישט פארפעלט קיין איין וואך פון מעביר סדרה זיין, און אינאיינוועגס אריינגעכאפט די ברכה פון חז"ל אויף אריכת ימים ושנים.

מיר לעבן היינט אין א מאדנע וועלט, מען זוכט חומרות אויף חומרות על גבי חומרות, ווער עס קען אויפקומען מיט עפעס א פרישע חומרה איז א גרעסערער הירא. איך האב שוין ערגעץ געשריבן די מעשה מיט יענעם וואס האט געהאט א זאק וואס האט געקענט אריינגיין אין דעם הונדערט פאטעטעס, אבער ער האט פרובירט אריינצושטופן מער, און ווען ער האט געזען אז עס גייט א מחי', האט ער אריינגעשטופט מער און מער ביז ער האט מצליח געווען אריינצושטופן דערין גאנצע טויזנט פאטעטעס. אבער וואס ער האט פארפעלט איז געווען אז ער האט נישט באמערקט ווי פון אונטן האט זיך געעפנט א גרויסע לאך, און עס האט געהאלטן אין איין ארויסרינען נאך און נאך.

דער אייבערשטער קען אונז זייער גוט, ער האט אונז באשאפן און ער קען אונזערע נאטורן, און לויט דעם האט ער אונז געגעבן די תורה שבכתב ושבע"פ, און דאס איז וואס מיר דארפן טון, נישט צולייגן און נישט אראפנעמען.

און דער חיוב פון מעביר סדרה זיין איז א געוואלדיגע ביישפיל פאר דעם, ווען מען זאל איינפירן צו טון בפשטות אזוי ווי עס שטייט אין שו"ע, יעדן טאג מעביר סדרה זיין אביסל, אן קיין צוגעלייגטע זאכן פון תפלין/שטייענדיג/נישט אויסרעדן/טראפן/פסוקים פארדעם און נאכדעם א.א.וו. וואלט זיכער רוב עולם מעביר סדרה געווען, איז געקומען איין חכם און געטראכט לאמיך איינפירן עס צו טון מיט אלע צוגעלייגטע זאכן, פארוואס דען נישט? וואס שטערט מיר צוצולייגן אז עס זאל זיין בעסער און שענער? (אינטערעסאנט אז ער האט נישט צוגעלייגט וואס דער אריה"ק האט געטון, ער האט מעביר סדרה געווען אין א ספר תורה), אבער די תוצאות דערפון קען יעדער זען היינט אז רוב מענטשן זענען נישט מעביר סדרה.

(עס איז איראניש צו טרעפן אידן אין שול זונטאג אדער מאנטאג וואס זענען משלים די פארגאנגענע סדרה, בעת וואס דאס איז נאר א בדיעבד און נישט לכל הדעות. און צו

מעביר סדרה זיין פון זונטאג די וואכעדיגע סדרה איז א מצוה מן המובחר, און א לכתחילה שבלכתחילה לכל הדעות).

דערפאר איז מען אונז טאקע מרמז די וואך וועגן מעביר סדרה זיין. יא, האסט נישט מעביר סדרה געווען ביז יעצט, דאס איז נישט נוגע, הייב אן פון יעצט. יא, עס איז א קורצע פרייטאג, הייב אן פון זונטאג, יעדן טאג אביסל. און נאר אזוי קען מען מצליח זיין, ווען מען טוט פלעין די נאקעטע הלכה, בלי כחל ושרק.

און דאס דארף אונז לערנען אויך ביי אלע אנדערע זאכן, זיי נישט קיין איבער חכם, לייג נישט צו וועסטו נישט אראפנעמען!

**העלא** • 16טן דעצעמבער 2013

איך האב אלץ בחור אלץ מעביר סדרה געווען מיט די תפילין און איך בין נאך אלץ מעביר סדרה
איך זע נישט די פראבלעם,
אזוי גייט עס אלץ בחור איז מען מחנך די מערסטע וואס מ'קען, יעדער פאלאט נאכדעם,
אויב אלץ בחור איז מען מעביר סדרה מיט די תפילין און איין צו האט מען נאך פלאף צו פאלן
אויב זאל מען אלץ בחור מעביר סדרה זיין יעדן טאג 5 מינוט בין איך דיר מבטיח אז ביי די 15-16 איז מען שוין נישט מעביר סדרה,

יעדער דארף זיך פירן לויט זיין געשמאק,

אודאי אן אינגערמאן וואס ארבעט און האט א שטוב מיט קינדער און האט נישט קיין צייט אדער גייט דורך שווערע זמנים און האט נישט געדולד ווי איידער גארנישט זאל ער מעביר סדרה זיין יעדן טאג 5 מינוט
אבער דאס איז זיכער אז מצוה מן המובחר איז צו מעביר סדרה זיין די גאנצע סדרה אויף איינמאל פרייטאג,
פרעג סיי וועלכע דיין

איך האב געזען אז אויב בין איך נישט מעביר סדרה פרייטאג אינדערפרי פארן דאווענען וועט עס קיינמאל נישט געשען, האב איך איינגעפירט צו מעביר סדרה זיין פארטאגס תיכף נאך דער מקוה

ברסלב האט געזען אז אויב וועט ער נישט מעביר סדרה זיין 5 מינוט יעדן טאג וועט עס נישט געשען האט ער זיך אזוי איינגעפירט, ער האט זייער גוט געטון לפי מצבו,

אבער קיין לכתחלה איז עס נישט, ניין

**ברסלבער** • 16טן דעצעמבער 2013

אז דו קענסט עס באוויזן, אשרי לך! אבער די מציאות ווייזט אז פאר רוב מענטשן איז דאס כמעט אוממעגליך.
לויטן שלחן ערוך איז מיין וועג אין מעביר סדרה זיין א לכתחילה, און דער משנה ברורה רופט עס אן "מצוה מן המובחר".
אגב, לגבי מעביר סדרה זיין מיט תפלין, מיין איך אז עס האט בכלל נישט קיין שום מקור, עס זעט אויס ווי עס איז געווארן אזא ענין נאר אז מען זאל נישט פארגעסן און נישט אוועקגיין פון שול פארן מעביר סדרה זיין.

**דעת תורה** • 16טן דעצעמבער 2013

אויב איז דער עולם מזלזל דערין, איז דאס פשוט ווייל לאו כו"ע דינא גמירי, און דער ציבור ווייסט פשוט נישט בחייכון.
האלב פון אונזער טאג טעגליכע אידישקייט, איז ווייניגער חיוב ווי מעביר סדרה זיין. מעביר סדרה זיין איז א חיוב גמור מדינא דגמרא! עס שטייט אינעם זעלבן מקור, מיטן זעלבן נוסח ווי דער חיוב צו ליינען די מגילה פורים ביינאכט. אז איינער קומט באמת נישט אן, מעג ער / זאל ער נישט גיין אין מקוה פרייטיג, נישט שערן די נעגל און נישט עסן קיין טועמיה, מעגליך סקיפן מעריב, נישט זאגן קיין פארנט און נישט הודו, נאר ברוך שאמר, נשמת(?) אשרי, ישתבח, מען קען אפילו אויסלאזן א-ל אדון, הכל יודוך און גיין גראד צו תתברך, נישט זאגן דעם יום און נישט אתה הראית, און אין דער פארדינטער צייט זאל מען מעביר סדרה זיין.
(פארשטייט זיך מען רעדט פון א איד וואס אנדערע צייט האט ער נישט, ווער עס סתם ליידיגע צייט זאל ליבערשט קאטן פון דארט...).

לעומת זה אויף סעודות שבת ווייס איך נישט צי מען מעג מוותר זיין, עס איז אויך א דינא דגמרא.

איין וויכטיגע עצה (נאר ווער עס האט נישט מעביר סדרה געווען ביז היינט מעג עס נוצן ( מען מעג לכתחילה מעביר סדרה זיין בשעת'ן ליינען. אויב שמועסט ער בשעת'ן ליינען, זאל זיך קובע זיין צו מעביר סדרה זיין דאן.

**נולד מאוחר** • 16טן דעצעמבער 2013

זאגן תרגם פאר זאלכע ווי מיר וואס קענן קוים אידיש ארמיש אפגערעט, האט א פשט?

**שמעקעדיג** • 16טן דעצעמבער 2013

יא, משום הקדושה שבו ומקובל מסיני

**נולד מאוחר** • 16טן דעצעמבער 2013

די קדושה באקום איך דאך פון שנים מקרא וואס איז מקובל מסיני. אחד תרגום איז דאך כדי מזאל וויסן וואס ס'שטייט אין מקרא.

**שמעקעדיג** • 16טן דעצעמבער 2013

ניין. תרגום אליין איז אויך מקובל. חוץ דעם טעם פון פארשטיין האט עס א ספעציעלע קדושה. און עס איז א חיוב צו זאגן.

**לעיקוואר** • 17טן דעצעמבער 2013

הרב דעת תורה, לענ"ד הגזמת מעט. זייער אסאך זאכן שטיין אין דער גמרא און זיי זענען נישט קיין חיוב גמור. והפוסקים ביארו אז אפילו אמאל ווי עס שטייט א לשון חייב אדער אסור מיינט עס לאו דווקא א חיוב גמור. אמת די זעלבע לשון שטייט ביי דעם חיוב ליינען די מגילה, איז וויאזוי איז מען מחליט וואס איז א חיוב / איסור גמור און וואס איז נישט מער ווי א הנהגה טובה? א גוטע שאלה, אבער למעשה דאס זעט מען פון די פוסקים וכו'. ולענייננו, שמו"ת שטייט מועתק אין שולחן ערוך פונקט ווי די לשון הגמרא, און עס איז קלאר נישט אזא סארט חיוב ווי מגילה ליינען.

בכלל, איז צריך תלמוד ויאזוי ווערט אזא מין חיוב. מגילה ליינען איז א חיוב דרבנן ואסמכוהו אלא תסור וכו ' ככל סוגיית מצוות וגזירות דרבנן. אבער אז ר יהושע בן לוי האט געזאגט לעולם ישלים אדם פרשיותיו עם הציבור, איז דאס א מימרא פון ריב''ל, אז ער האט דאס געהאלטן פאר א גוטע זאך, אבער וואס איז די גדר דערפון? איינער וואס טוט דאס נישט, וואסארא עבירה האט ער עובר געווען?

**דעת תורה** • 17טן דעצעמבער 2013

לא דייקת בלשוני, די עצם מגילה ליינען איז אוודאי פיל הארבער ווייל עס איז מדברי קבלה און איז איינע פון די ז' מצוות וואס די חכמים האבן כאילו צוגעלייגט צום דאורייתא, און אויף די מצוות איז טאקע שווער וואס טוט זיך מיט לא תוסיפו ואכמ"ל.

אבער איך האב גערעדט פון "ליינען די מגילה ביינאכט", וואס דאס איז טאקע לכאורה נאר די זעלבע חיוב ווי מעביר סדרה זיין.

לעצם הענין, וואס איז יא א חיוב גמור און וואס נישט, אפשר ווענדט זיך עס ווי שטארק מען האט דאס מקבל געווען, און מיט דעם איז שמו"ת טאקע ווייט אונטערשטעליג פון מגילה ביינאכט, הגם ככל הנראה איז עס אין אלע דורות געווען אנגענומען ווי א געהעריגער חיוב, איך גלייב אז אפי' היינט איז אין א"י (ווי עס איז מילא פארהאנען מער צייט און די בורות איז נישט אזוי גרויס ווי אין די מגושם'דיגע אמעריקא, איז מסתמא רוב רובם פונעם ציבור - פילייכט אויך רוב פון די דתים לאומיים - מעביר סדרה.

**סאו וואט** • 7טן יאנואר 2014

ברסלבר, איך געב קרעדיט ווען קרעדיט איז דא.
א דאנק אייך, זייט דיין אשכול איבער שמו"ת, האב איך מעביר סדרה געווען יעדער וואך, לויט דיין סיסטעם, וואס געווענליך האב איך כמעט קיינמאל מעביר סדרה געווען, יעזור ה' הלאה, והיה זה לשכרך.

למעשה דער משנה ברורה ברענגט פון מטה יהודה דגם כשקורא מתחלת השבוע הוי מצוה מן המובחר, וכ"כ במעשה רב דהגר"א היה נוהג כן.

**יאיר** • 7טן יאנואר 2014

אין משנה ברורה שטייט אז א בעל נפש יחמיר בעצמו נישט צו אויסרעדן אינמיטן שמו"ת, און ער לייגט צו אין שער הציון אז דאס איז אודאי נישט געזאגט געווארן אויף אינמיטן די פרשיות, וואס איז אן איסור גמור צוליב המפסיק ממשנתו, נאר מען רעדט צווישן צוויי פרשיות. און ווי אינטערעסאנט, רוב מענטשן האבן נישט קיין שום פראבלעם צו אויסרעדן אינמיטן לערנען, אבער דער חומרא פון נישט אויסרעדן ביי שמו"ת איז געווארן א יהרג ואל יעבור.

**shem-tov** • 12טן נאוועמבער 2015

איצט זע איך אז סאיז אייביג געווען חילוקי דעות אין דעם ענין. סדא א טייטש פון באבובער רב ז"ל אויף דער וואכעדיגער סדרה ויקרא להן שמו"ת יעדער זאל מעביר סדרה זיין ש'נים מ'קרא ו'אחד ת'רגום כשמו"ת אשר קרא להן אביו אזוי ווי זיין טאטע פלעגט מעביר סידרה זיין אזוי ווי סדא אסאך מנהגים זאל זיך יעדער פירן אזוי ווי מהאט אים איסגעלערענט

**שמעקעדיג** • 12טן נאוועמבער 2015

אין כל חדש, אזוי ווי אייביג, טו ווי דער טאטע, נו אודאי אזוי, מסורה מסורה.

אבער וואס טוצעך אויב דו ביסט נישט מעביר סדרה אזוי ווי דער טאטע, ווייל עס קומט אן זייער שווער, און לכבוד דעם קומט אויס אז א ריזיגע פראצענט כלל ישראל איז בכלל נישט מעביר סדרה, ווייל ס'איז אדער "מיי וועי" אדער גארנישט; פאר דער חברה זאגט מען, ליבערשט כלך לך מדרך זו, יש לכם על מי לסמוך, גיי צו א גרינגערע סדר, און זאג יעדן טאג אביסעלע, ווי איידער גארנישט.

**ברסלבער** • 12טן נאוועמבער 2015

וואס טוט זיך אויב דער טאטע האט בכלל נישט מעביר סדרה געווען? דארף מען אויך נאכגיין די מסורה?
און עס שמעקט מיר נישט דער אויסדרוק פון @שמעקעדיג "יש להם על מה לסמוך", אין דער צייט ווען דאס איז דער פשוטער טרוקענער לכתחילה'דיגער וועג אין שלחן ערוך בלי שום חולק. דאס מעביר סדרה זיין אום שבת איז שוין א דיעבד, און דאס משלים זיין די קומענדיגע וואך ביז דינסטאג איז שוין א דיעבד שבדיעבד.
זאג נאר, די וואך איז דער זמן הדה"נ בערך פיר דרייסיג. ווען פונקטליך גייט מען מעביר סדרה זיין?

**שמעקעדיג** • 12טן נאוועמבער 2015

דו ווייסט דאך וואס מ'זאגט ביי אונז, דער שו"ע איז געמאכט בלויז פאר גרים, ווארום מיר האבן דאך א מסורה אויף יעדע פרט ופרט...

**ברסלבער** • 27סטן דעצעמבער 2015

שוין געענדיגט ב"ה מעביר סדרה זיין פ' שמות ביז שני.

תורה און וויסנשאפט

# ילפינן יציאה ממציאה: שעבוד מצרים אין ליכט פון דער ארכעאלאגיע

קנעכט־ליסטעס מיט א „שפרה", ציגל פון ליים און שטרוי, אן ארבעטער־שטעטל וואס איז פלוצלינג פארלאזט געווארן, און א פרינצעסין וואס האט אדאפטירט א קינד. „ונבנתה העיר" פירט דורך די געפינסן פון דער תקופה פון שעבוד מצרים – מיט אלע „מעגליך" און „אפשר".

פון **ונבנתה העיר** • אויסגעקליבן און מגיה געווען • דער ערשטער טייל פון דער סעריע; די בילדער זענען נישט אריינגענומען

קאווע שטיבל • וויסנשאפט • „ילפינן יציאה ממציאה ("פה-סח" - #1)" • 6טן אפריל 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8602.html#p264337

עס האט אייך שוין זיכער פיל מאל געֿנייגערט וואס די ארכעאלאגישע וועלט האט צו זאגן אויף שיעבוד ויציאת מצרים, גיין אין מדבר פערציג יאר און דערנאך איינגעמען דאס כנעניש לאנד אין א מיליטערישן קאמפיין.

בכלל איז יעדער מענטש פארזיכערט צו האבן אן ארכעאלאגישער פונק ערגעצוואו אין זיין זעל, פילייכט דארף ער איר אביסל אנרייצן, איך פארדעכטיג אז ווער עס איז נאר אמאל געווען ביי אן ארכעאלאגיש-אויסגעגראבענעם ארט מיט וועמענ'ס היסטאריע ער איז באקאנט פון זיין יוגענט, האט נישט געקענט האלטן די כנפי הדמיון – און אין תוצאה: התפעלות - איינגעשפארט, אט דאס זענען די אייגענטליכע שטיינער וועלכע דוד המלך האט באטראטן... דאס איז דער פאקטישע גאס וואו אידן האבן זיך געשטופט מיטן קרבן פסח...

אבער די תקופה וואס אינטערעסירט אונז אין דער יעצטיגער מינוט איז אנגעלאדענט מיט פראבלעמען פון אן ארכעאלאגישן קוק-ווינקל, אנדערש ווי פון דוד המלך אנגעהויבן וואס גאר אסאך איז באשטעטיגט און אויסגעקלארט אין ארכעאלאגישע געפינסן, איז אבער די תקופה ביז אהין כמעט ליידיג פון פון דעם אלעם, לעת עתה קען ארכעאלאגיע נישט פארשטעלן צופיל קלארע אנקערונגען צו דער היסטאריע וואס תורתינו, תורת חיים, פארציילט.

דער אמת איז אז ארכעאלאגיע בכלל, ווי א מסודר'דיגע חכמה מיט שטרענגע כללים, איז בסך הכל בערך הונדערט יאר אלט, אלזא איז עס קיין גרויסער וואונדער אז צופיל איז דערוויייל נישט געפונען געווארן, בנוסף, צו דעם וואס פילע ארטיקלען זענען ווארשיינדליך קאליע געגאנגען אין די דורות פון אומאחריות'דיגע גראבונגען, ווי מיר וועלן שפעטער זען.

אין פאקט האבן געוויסע חוקרים שוין אנגעפאנגען צו שטופן א שיטה אז דוד המלך לא היה ולא נברא, עס האט קיינמאל קיין פאראייניגטע אידישע קעניגרייך עקזעסטירט און אלעס האט זיך אנגעהויבן ביי מלכות יהודה וישראל, למעשה האט מען דערנאך געפונען די ארכעאלאגישע באווייזן דאס צו באשטעטיגן.

איינע פון די הויפט פראבלעמען וועט עס קומט אויסצוקלארן די היסטאריע פון א פריע כלל ישראל – די Israelites, איז די שרעקליכע צומישעניש וואס הערשט לגבי די יארן, צענדליגע מהלכים, השערות און השוואות זענען שוין פארגעשטעלט געווארן ווי אזוי מען דארף פארגלייכן די אידישע היסטאריע מיט די וועלטליכע יארן, וועלכער פרעה איז דער פון דער תורה וכו' וכו', ניתן להיאמר אז יעדע אפציע האט א מאן דאמר.

בכל אופן, מחמת די אלע סיבות ועוד, איז מיט די יארן – צום פארלוסט פונעם נייגעריגן עמך איד – עס געווארן אוועקגעשטעלט לכמו שני מחנות, די מאמינים [בעיקר קריסטליכע] קעגן די נישט גלויביגע, און כנהוג בלייבט עס שוין נישט ביים טרוקענעם אמת -ביידע זייטן זענען חשוד אויף מפתה און מאנס זיין די געפונסן צו זייערע הנחות קדומות, א זאך וואס לאזט זיך ממילא גאר לייכט טון אין אזא פעלד ווי ארכעאלאגיע.

יהי' איך שיהי', קלער איך אז עס וועט זיין העכסט אינטערעסאנט צו כאפן א בליק אויף א טייל פון די געפונסן וואס די מאדערנע טעכניקן דאטירן זיי צו יענע תקופה, און קערן זיך אן אין אונזער היסטאריע פון ווען אידן זענען אראפ קיין מצרים ביז נאך דער ערשטער תקופה פון כניסת הארץ, א טייל פון זיי זענען אנגענומען ביי רוב חוקרים, און א טייל זענען שנוי במחלוקת.

וועלן מיר פראבירן זיך צו האלטן מיט דעם סדר המאורעות – איינגעטיילט אין דריי תקופות: דאס זיך אויפהאלטן פון אידן אין מצרים און זיין פארשקלאפטעט ביי איר, יציאת מצרים און זיך אויפהאלטן אין מדבר, און די ערשטע תקופה פון כניסת הארץ וכיבושה.

## תקופה א': דער „איזראעלייט הויז“

אין 2003 האט דער עסטרייכישער פראפעסאר און עגיפטילאג, מאנפרעד ביעטאק, געמאכט אן אינטערעסאנטע אנטדעקונג, אינעם חצר פון א טעמפל אין עגיפטן האט מען געהאט אויפגעגראבן אן ארבעטער-הייזקע, און עס איז געלונגען פאר די ארכעאלאגן אויסצומאלן דעם בוי-פלאן אויף וועלכע מהלך די הייזקע איז געווען געבויעט.

דער פראפעסאר האט באמערקט אז זי איז נישט געווען געבויעט אזוי ווי אלע אנדערע עגיפטישע הייזער, זי האט דוקא נאכגעפאלגט דעם בוי-פלאן פון דעם 'איזראעלייט הויז'.

דער 'איזראעלייט הויז', אדער 'פיר צימער הויז', איז אן אויסדרוק אנגענומען ביי די חוקרים צו באצייכענען א ספעציפישע וועג פון אויסשטעלן א הויז וואס איז געווען אייגענארטיג פאר די פריע אידן, מען געפונט זיי כמעט נאר אין די אור-אלטע געגענטער פון כנען ווען די אידן האבן זיך דארט באזעצט, פאר א לאנגע תקופה איז זי געווען די מערסט-פאפולערע הויז אויסשטעל אין ארץ ישראל, און פונעם חורבן בית ראשון און ווייטער איז זי מער נישט צום געפונען.

איז דאס אן אנדייטונג אויף דער הייזקע פון א אידישן שקלאף? פראפעסאר ביעטאק קלערט אז גאנץ מעגליך יא.

## די קנעבט ליסטע

אין ברוקלין מוזעאום געפונט זיך א מצרי'שע קנעכט-ליסטע פון יענע תקופה, צווישן זיי איז אויסגערעכענט 'שפרה', איז דאס אונזער שפרה, אדער מעגליך אן אנדערע אידישע.

## אידישע קנעבט ארבעט

דאס איז שוין אן אלטע און איבערגעקייעטע ויכוח צו די פיראמידן זענען מעגליך געבויעט געווארן דורך די אידישע שקלאפן, דאס פארציילט אונז די תורה אז די אידישע קנעכט זענען באשעפטיגט געווארן אין מאכן ציגל פון ליים/מאראסט אין וועלכן מען האט אריינגעמישט שטרוי, אין פאקט וואלט אזא ארבעט'ס קראפט געדארפט ארויסגעבן אן אומבאגרייפבארער מאס פון ציגל.

אויב זאל יעדער פון די 600,000 מענטשן נאר מאכן 'איין' ציגל א טאג פאר 200 יאר (לאמיר עס געבן 200 ארבעט'ס טעג פער יאר), קומט עס אויס צו א סך הכל פון 24,000,000,000 ציגל! אלזא איז עס נישט ווייט אנצונעמען אז אזא מאסיווע ארבעט'ס קראפט איז איינגעשפאנט געווארן טאקע פאר א מאסיווע בוי פראיעקט.

דא האט איר א נאנטע בילד פון איינע פון די פיראמידן וואס זענען געבויעט געווארן מיט ציגל פון ליים, מען קען קלאר דערקענען די אריינגעמישטע שטרוי, זענען דאס די ציגל וואס אונזערע זיידעס האבן געהאלטן אין די הענט?

## דער ארבעטער'ס שטעטל 'קאהון'

נישט ווייט פון איינע פון די פיראמידן ליגט אן ארבעטער'ס שטעטל 'קאהון' וואס איז געווען באוואוינט דורך די שקלאפן וועלכע האבן געבויעט דעם פיראמיד.

דער פלאץ איז אויסגעגראבן געווארן אינעם סוף פונעם נייצעטן יאר-הונדערט דורך סיר פלינדערס פעטריע, בשעת'ן אויסגראבן זענען פילע פון די ליימענע הייזקעס נאך געשטאנען גאנץ ביז'ן דאך, נאר אזוי ווי די דיציפלין פון ארכעאלאגיע איז נאכנישט געווען פעסט אוועקגעשטעלט בימיו איז נישט געבליבן קיין סאך צו זען היינט.

געפונען האט מען אבער דארט עטליכע גאר אינטערעסאנטע זאכן, קודם כל זענען די הייזער געווען פול מיט חפצים, פארשידענע בוי געצייג, אבער אויך טעגליך-באנוצטע הויז כלים, צו דעם זענען אלע מסכים אז מען זעט קלאר ווי דער שטעטל איז איבערגעלאזט געווארן פלוצלינג, געוויסע טענה'ען אבער אז עס איז נישט נאר ווייל די ארבעט האט זיך פשוט געענדיגט, פון די פילפארביגע חפצים וואס זענען איבערגעלאזט געווארן ווי עס שטייט און גייט צייגט זיך ארויס א פלוצלינג'דיגע, אומפארגעגרייטע, ווארשיינדליך א בחפזון'דיגע, אויסוואנדערונג.

נאך אן אינטערעסאנטע זאך האט מען דארט געפונען, אונטער דער פאדלאגע פון גאר אסאך הייזער זענען געווען קליינע הילצערנע קעסטלעך וואו עס זענען געלעגן פיצלעך קינדער נישט מער ווי דריי חדשים אלט, מעגליך א תוצאה פון פרעה'ס גזירה, און נאך מער, דער ספעציפישער אופן פון באגראבן איז א פרעמדער אין עגיפטן.

והשלישית, די גאנצע שטעטל באשטייט פון קליינע ליימענע הייזקעס, אבער אויף איין פלאץ איז פארהאן א קעניגליכער פאלאץ, ווארשיינדליך גרייט פאר די קעניגליכע באזוכן – לפי השערת החוקרים, אבער אינטערעסאנט איז אז דער פאלאץ איז פארלאזט געווארן פריער ווי דאס גאנצע שטעטל, אפשר איז דאס אן איבערבלייבעניש פון פרעה'ס מיטארבעטן פון אנפאנג.

## די אידענטיפיקאציע פון בתיה און משה רבינו

איז מעגליך מברר צו זיין ווער אין דער עגיפטישער היסטאריע זענען די פיגורן מיט וועלכע מיר זענען אזוי באקאנט? קענען מיר זיך טרויען צו קלערן אז אפשר איז אויך משה רבינו בכבודו איינער פון די דמויות וואס מיר טרעפן אין דער עגיפטישער היסטאריע? נאך אלעם איז ער אויפגעוואקסן פערציג יאר אין

פרעה'ס שטוב אלס אן אדאפטירטער זון פון דער פרינצעסין בתיה.

געוויסע קריסטן ווילן זאגן אז יא.

אט הערט:

סוף פון דער עגיפטישער צוועלעפטער דינאסטיע איז געווען א פרעה מיט'ן נאמען Amenemhet III, ער האט געקעניגט איבער גאנץ מצרים פאר 46 יאר, זיין טאכטער Sobeknefru האט אדאפטירט א קינד מיט'ן נאמען Amenemhet IV וועמענ'ס יחוס איז נישט אויף די רעקארדס, אזוי אז עס זאל זיין ווער עס וועט ממשיך זיין די גאלדענע קייט.

למעשה זעט מען אן אינטערעסאנטע זאך, די לעצטע ניין יאר פון איר טאטע'ס מלוכה האט איר זון געקעניגט פאראלעל מיטן זיידן, אבער דערנאך זעט עפעס אויס ווי ער ווערט פארשוואונדן פונעם רעקארד – מער הערט מען נישט פון איהם, נאכ'ן אלטנ'ס טויט האט די טאכטער אליינס איבערגענומען די מלוכה פאר אכט יאר, דערנאך איז זי געשטארבן ברעגענדיג דערמיט די ענדע פון דער צוועלעפטער דינאסטיע.

איז די טאכטער בתיה? איז דער אדאפטירט קינד משה וועלכער האט זיך דארט געהאדעוועט פאר פערציג יאר? איז דאס פשט אין דעם אייניקל'ס פארשוואונדן ווערן?

[פארקירצט]

איז דאס טאקע רבינו משה? מן הסתם נישט, אבער בלויז די רעדע דערפון טרייבט ארויף מיין הארץ ראטע.

[פארקירצט]

אנשי שם • כ"ב טבת

# ר' מיכל'ע פון נתניה – א גוטער איד פון דעם אמאליגן טיפ

כ"ב טבת תשע"ה (13טן יאנואר 2015) איז נסתלק געווארן דער זלאטשובער רבי פון נתניה, ר' יחיאל מיכל'ע, וואס האט די לעצטע יארן געוואוינט אין מאנסי. אויף קאווע שטיבל האבן די שרייבער פארציילט וואס זיי האבן געזען און געהערט: צדקה ביז דער לעצטער דאלער, דרשות אויף שמירת עינים, און חנוכה־ליכט מיט טרערן.

פון **שמעקעדיג, עדיאל, Kool man און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פאראפראזירט]

קאווע שטיבל • אידישע און אלגעמיינע נייעס • „בד"ה: הרב הצדיק ר' מיכל'ע מ'זלאטשוב זי"ע" • 13טן–15טן יאנואר 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8118.html

**shem-tov** • 13טן יאנואר 2015

אוי ווי אוי ווי אן ערליכער אפגעהיטענער צדיק געווען א משמח אלוקים ואנשים. פיל יודן דערציילן אז זיי האבן געזען דורך אים ישועות. דער איד איז געווען א שטיק הארץ פאר א צווייטן יוד. חבל על דאבדין ולא משתכחין. זיינע תפלות, זיינע ברכות געווען מיט אזא אש קודש כולו יראת שמים. א חידוש נפלא אין אונזער דור צוצוקומען צו אזא עלטער אזוי אויסגעארבייט, דאס דארף אונז אלע מחייב זיין. סדא אסאך צו דערציילן אויף דעם טייערן יוד. זאל ער זיין א מליץ יושר פאר אונזער דור וואס ער האט גוט פארשטאנען צו איר.

**עדיאל** • 13טן יאנואר 2015

הרה"ק מנתניה איז געווען א גוטער איד פון דעם אמאליקן טיפ. רבי מיכל'ע איז נישט געווען קיין אמפערער רבי ווי די היינטיקע רביס. רבי מיכלע איז געווען אן עובד השם בתמימות, א מוכיח בשער, אן אוהב ישראל, אן עוסק במצוות, און אידן פלעגן קומען צו אים פאר ישועות. ס'דא וועלכע וועלן אפחוזקן פון אים, אוועקמאכן זיינע געפועלטע ישועות, זיין צדקות, עבודה, און זיינע מדרגות. נו מילא. לאז זיך דער סקעפטיקער סקעפטיזירן. אבער זיך אנצורעדן אז ער איז נישט געווען ווי אמאל, אז זיין התנהגות און הלוך ילך איז געווען משונהדיג אנדערש ווי, א שטייגער, זיין עלטער זיידן רבי מיכלע, רבי לוי יצחק, אדער רבי פנחס איז פאלש. אזוויי רבי מיכלע איז געווען, אזוי איז אמאל געווען א גוטער איד.
רבי מיכלע האט נישט געפירט קיין מחלוקותן, נישט ארגאניזירט קיין עצרתן, און נישט געפאקרן אויף קיינע דאטשעס. רבי מיכלע האט געדינט דעם אייבירשטן און געהאלפן אידן.
וי אבדה נפש.

**Kool man** • 14טן יאנואר 2015

עפ"י בקשת @דריידל וועל'יך דערציילן אביסעל זיין היסטאריע וואס כ'אב געהערט מפה קדשו פון רבי מיכל'ע אליינע ביי א שמחה, כ'בין נאך געווען א בחור, קאן זיין כ'על עס נישט געדענקן אזוי קלאר, ער שטאמט פון מיהאליוויץ אין טשעכיי, זיין רבי האט געהייסן רבי שמואל רובין זצ"ל, ער איז געווען זייער א פרומער און ווארעמער, און געמאכט פון זיינע תלמידים כאניאקעס, ער פארציילט אז זיי פלעגן העלפן יונגעלייט אין שטאט נאך דער חתונה אויסשטעלן זייערע קליינע דירה'לעך אז מ'זאל קענען

אויסלייגן די בעטן יודישלעך און אויסגעהאלטן, און דער רבי שמואל רובין האט געפירט א קרעמעל פאר זיך, פון דארט נעמט ער די קנאות און זיין רעיון פון קעמפפן קעגן טעלעוויזיע און ווידיא, נאכן קריג איז ער ארויף קיין ארץ הקדושה, ווי ער האט געוואוינט ביז בערך [??] יאר צוריק, ער פלעגט אסאך קומען באזוכן דא, אבער געוואוינט דארטן, דערנאך איז ער דא פארבליבן, ער פלעגט משמח זיין שמחות חתן וכלה וואס האט זיך אנגעהויבן מיט ווערטלעך וואס האט געמאכט דעם עולם לאכן, דערנאך פלעגט ער ארייגקריכן אין דיאמאל ביי זיי אין מיהאליוויץ, און געענדיגט מיט פייערדיגע דברות קודש, לעצטענס האבן אים די חסידים געקויפט א שולכעל און הויז אין מאנסי, וואו ער האט געפראוועט ביז ממש סוף חייו.

זי"ע

**shem-tov** • 13טן יאנואר 2015

[פארקירצט] ... דער גרויסער צדיק הדור, דער פועל ישועות, וואס איך אליינס האב מיטגעהאלטן עטליכע מופתים פון אים און איך אליינס האב געהערט פון עטליכע שטובער ווי דער יוד איז איינגעשטאנען און ער האט זיך "קיינמאל" נישט ארײנגעלייגט אין בעט. און איך אליינס האב געהערט פון עפעס א רבילע וואס האט געטראפן רבי מיכעלע אין לאנדאן גיין נאך געלט און רבי מיכעלע פרעגט דעם יוד וואס טוט איר דא זאגט ער כ'בין געקומען נאך געלט. כ'מאך חתונה און ס'איז מיר שווער. האט רבי מיכעלע מיט א פשטות ארײנגעלייגט זיינע ביידע האנט אין דער בעקיטשע טאש און ארויסגעשלעפט יעדן דאלער וואס ער האט דארטן ארײנגעלייגט פון 6 צופרי וואס ער איז אליינס געגאנגען נאך געלט. אזוי קען איך דיר דערציילן אן א שעור. דער יוד איז געווען די ריעל דיעל א פארצייטישער אפגעהיטענער צדיק און בעל חסד כחד מקמאי. תנצבה. זי"ע

**געוואלדיג** • 13טן יאנואר 2015

איך וועל פארציילן א מעשה וואס איך ווייס פון כלי ראשון, ר' מיכעלע איז אמאל געפארן קיין וויען נאך געלט און זייער גוט מצליח געווען מען האט געמאכט פאר איהם א פארטי און גרויסע עשירים האבן דארט געגאסן געלט פאר איהם, אויפצומארגנס אין ביהמ"ד זעט ער א איד אינגאנצן צעבראכן, ר' מיכעלע מיט זיין גאלדענע הארץ גייט צו צום איד און פרעגט איהם וואס עס גייט פאר, ער האט נישט געוואלט קודם ענטפערן אבער צום סוף פארציילט ער פארן רבי'ן אז ער איז אויך געקומען דא נאך געלט (אן אמעריקאנער איד) און ער האט געמאכט א רעטעך, ר' מיכעלע רופט איהם אין א זייט און געבט איהם איבער דאס גאנצע געלט וואס ער האט דארט געמאכט...

דער איד האט דאס אוודאי נישט געוואלט נעמען אבער האט נישט געקענט זיך קעגן שטעלן דעם רבי'ן

ר' מיכעלע האט איהם געווארנט אז ער מעג פאר קיינעם דארט נישט פארציילן

אויפצומארגנס זעט דער איד ווי ר' מיכעלע בעט פון איינע פון די גבירים געלט פאר שפעזן אהיים

דער עושר יענה עזות

"איך האב דיר קוים אייערנעכטן באגאסן מיט געלט און שוין קומסטו בעטן נאך איך האב געמיינט אז דו ביסט אנדערש ווי אלע אנדערע רבי'ס און יעצט זע איך אז איך האב געמאכט א טעות דו ביסט א גנב און א שקרן וכו' אזוי האט ער איהם מבזה געווען אינמיטן ביהמ"ד ווען ר' מיכעלע ענטפערט איהם נישט קיין ווארט

זיע"א

**שמעקעדיג** • 15טן יאנואר 2015

נאך אפאר דמעות על אדם כשר (אויסגעקליבן פון וואס אנדערע האבן געשריבן) [פארקירצט]:

ליידער ליידער האבן מיר דאס פארלוירן, אזעלכע הארציגע דרשות אויף שמירת עינים, בבחי' כל עצמתי תאמרנה.

אלץ גאר יונגע בחור האב איך מיך פארגענומען פארשידענע גדרים אויף שמירת עינים נאך דעם וואס דער צדיק אמת האט ארײנגעלייגט אזא קאכעדיגע עבודה אין מעורר זיין יודן אויף דעם, און אלעס במתק לשונו, מיט א שטיק אהבה צו יעדן אידיש קינד.

און איבער צדקת פזרונו וואס ווערט דא פארציילט איז פאראן צענדליגע אזעליכע מעשיות וואס איך האב געהערט כמה וכמה פעמים פון אסאך אנדערע מענטשן אין אסאך אנדערע מקומות איבער דער וועלט.

ווען איינער האט נאר גערעדט צו איהם איבער א צרה, נישט קיין חילוק צו ווען א חולה אדער ווען נחת פון די קינדער, א שווערע קארט קעיס, א איד דארף געהאלפן ווערן מיט קינדער, פרנסה, שלום בית וכו' וכו', אלץ האט מען געשפירט ווי ער פילט מיט דעם צער, און פרובירט צו העלפן מיט וואס ער קען נאר, צי געלט צי עצות, און נאך דעם האט ער הערשט אנגעוואונטשן.

* * *

ער איז געווען פאר א צירקע פופצן-צוואנציג יאר צוריק פארהערן ביי אונז אין תלמוד תורה עטליכע כתות. ער האט צוגעזאגט אז די מצויינים וועלן באקומען א טאשן-זייגער פאר א מתנה. למעשה האט ער זיכער געמאכט אז יעדער

האט פיין געקענט אפילו ווער נישט... אלע האבן באקומען דעם צוגעזאגטן טאשן זייגער. (עס ליגט מיר נאך ערגעץ ביי מיין טאטן אינדערהיים, דארף איך עס אפיר זוכן.)

אן ערליך און זיס איד געווען. אזוי אויך א זעלטענער איש אמת.

* * *

איך האב איהם אמאל געהערט פרייטאג צונאכטס זאגן די ווערטער 'ולעורר לבי', ער האט עס איבערגעזאגט עטליכע מאל, מיט אזא השתפכות הנפש, מיט אזעלכע געגועים, און אזוי פלעגט אויך זיין ביים יהי רצון פאר חנוכה ליכט.
אין מיינע אינגע יארן פלעגט ער פארהערן די קינדער אן עמוד גמרא אויסענווייניג (און בשעת'ן פארהער מיטזאגן הויך די לשון) און טיילן מתנות דערנאך.
ער איז געווען א צדיק נסתר ממש, עס איז הערשט די לעצטע 15 יאר וואס מען האט איהם אנגעהויבן רעספעקטירן, כאטש אז ער פאר זיך האט גארנישט געדארפט, ניטאמאל געוואוסט וואס כבוד מיינט. מיט זיין יראת שמים און זיין תמימות, איז ער געווען א יחיד בדורו. געלעבט בלויז פארן באשעפער.

* * *

אזוי אויך ווייס איך פון א חשוב'ן איד, וואס האט נישט געקענט ענדיגן דעם חודש, איז ער יעדן ערשטן למספרם ארויף צו ר' מעכעלע אויף ריטא עוועניו, און אויפגעפיקט דאס איבעריגע וואס האט איהם צוגעפעלט!

איך אליינס בין אויך אמאל געווען ביי איהם נאך געלט, און ער האט אויסגעליידיגט זיינע טאשן, אן צו קוקן וויפיל ער גיט, און פאר וועם ער גיט.

אזוי אויך ליגט מיר נאך אין די ביינער די חנוכה ליכט, וזרעי, וזרע זרעי, וזרע זרע זרע זרעי, וואס איז גזאגט געווארן מיט אזוי פיל טרערן און השתפכות הנפש.

זכותו הגדול יגן עלינו

* * *

ב"ה נהנה געווען פונעם צדיק, בימי הבחרות פלעג מיר זיך אריינרוקן א גרופע בחורים ביי אים אינדערהיים אויף שבתים אין מאנסי אויף ריטא. דעמאלס האט ער געהאט עפעס א תימינים רעביצין, געזען זיין עבודה בתמימות פרייטאג צונאכטס, זיך בכלל נישט געלייגט שלאפן, פלעגט ער שטיין מיט א ספר און איבערגעאנגען דעם זעלבן שטיקל כסדר מיט דער שטימע זיינער, ארויף דעם טאן צוריק אראפ מיטן טאן (ווער קען דען דאס נישט נאכמאכן).. דערנאך צופרי פלעגט זיין א וועקן צום געדענקען, דאס הויז האט געדונערט פון די קנאקערייען אויף די ווענט מיט זיין באוואוסטן שטימע... קריטשמע, אויפשטיין קריטשמע ליינען וואס איז דא, וואס פאפט איר... זיסע בחורים ציז טשוין זמן קריטשמע, רבותע וואס טוט איר דא? באשעפער איינציקער קריטשמע... קיין ברירה האב מיר פוילע בחורים נישט געהאט נאר ארויסגעשפרינגען פון בעט אבי די זעצערייען זאל זיך אפשטעלן..

* * *

בדידי הוה עובדא, איך האב מיר צעבראכן מיין קליינע פינגער אויף דער רעכטער האנט, ס'איז געווען א שבת, ס'איז געווארן אויפגעשוואלן ווי א באל, מוצאי שבת בין איך געפארן קיין מאנסי, צו ר' מיכלי זצ"ל, ער האט מיר געפרעגט וואו טוט דיר ווי, איך האב אים געוויזן מיין האנט, ער האט עס געגלעט עטליכע מינוט, אויך די געשווילעכטץ, איך בין ארויס פון דארטן מיט א נארמאלע הענט, ווי גארנישט געווען.

* * *

כ'האב געהערט בערך 25 יאר צוריק (דעמאלט איז נאך געווען אסאך ערנסטע אידן פון פאריגן דור, מ'האט זיך נאך געקענט ערלויבן אים אנצוקוקן ווי אן אינטערסאנטע איד....) פון זיינס א בעל אכסניא, אז דער איד שלאפט כמעט נישט ביינאכט, ענליכס האב איך געהערט פון א איד וואס אסאך גרויסע רבי'ס זענען ביי אים איינגעשטאנען, אז פון אלע רבי'ס איז ער געשלאפן די וויניגסטע.

כ'געדענק זיינע מלוה מלכה'ס אין מאנסי, פלעגט פארציילן שיינע מעשיות, מאדנע וויצן, די קלימאקס פון די וויצן פלעגט זיין ווען ער אליין פלעגט זיך געבן א כאפ ביים נאז, און אויספלאצן אין א געלעכטער... כ'געדענק גוט דעם תנו רבנן כיצד מרקדין..

**שלמה המלך** • 15טן יאנואר 2015

[פארקירצט] ער איז געווען א איד וואס מ'האט געקאנט ווייזן פאר די קונדער צי קוקן ווי ער זאגט א ברכה, וויזוי ער דאווענט, וויזוי ער גרייט זיך צי א מצוה וויזוי ער ווייגט זיך אויס פאר די חנוכה לעכט צינדן וכדו' וכדו' ווער עס האט זיך געדרייט לעבן אים האבן זיך געוואָרעמט די נשמה און געהאט וואס צי ווייזן פאר די קונדער אזש אז מיין זון נאך פאר דער בר מצוה האט געווייגט נעכטן ביי דער לויה! יא יעצט קען מען זאגן "מי יותן תמורתו" צו ווענמע'ס חנוכה ליכט זאל איך זיי טראגן זען ווי זלגו עיניו דמעות מיט אן אויסנאם השתפכות הנפש אז ער בעט זיך ווי א קינד ביים כל יכול אז ער זאל זוכה זיין צי די אור פון דער תורה הקדושה, און זוכה זיין אז 'ויהיה זרעי וזרעי זרעי ת"ח וחסידים וכו''. [פארקירצט]

---

א שמייכל

# א בחור אין אילת

א ישיבה־בחור קומט אהיים נאך א פאר טעג און פארציילט די עלטערן וואו ער איז געווען. א פרשת־שמות פאראדיע – מיט דעם פסוק צום סוף.

פון **smart** • מיט א פאר תגובות

קאווע שטיבל • א שמייכל • „א בחור אין אילת??" • 7טן–9טן יאנואר 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8092.html#p246656

---

**smart** • 7טן יאנואר 2015

אן אכצן יעריגע בחור איז נעלם געווארן פון דערהיים א פאר טאג. געווארן א גאנצע איבערקערעניש
נאך א פאר טעג וואס די טאטע מאמע זיצן ביים תהלים אין א ציג און ווייגען זיך אויס צום באשעפער. און אין פלוצים והנה די טיר מאכט זיך אויף און דער בחור איז דא!!
מאמע: יענקל אוואו ביסטו געווען די לעצטע פאר טעג??
מיר זיכן דיר מיט לעכט מען האט איבערגעקערט די גאנצע שטאט!
בחור: פרעג בעסער נישט...
מאמע: אן קיין חכמות פארצייל שוין! פון דערצנהייב!
בחור: אסססס איך האב איינעם דערשראסן צום טויט...
מאמע: וווווווווואס??? אך הער גיט???? ווענמען האסטו דערהארגעט???
בחור: יאָ דו הערסט גוט!! איך בין געווען אין מארק געווען אן עקעלהאפטיגע גוי וואס האט געוואלט איינעם בארויבן ער האט אים געסטראשעט ער גייט אים הארגענען איך האב געכאפט זיין גאן און אים דערהארגעט!
טאטע: וואס טוסטו אין מארק זונטאג ווען דו באלאנגסט צו זיין אין ישיבה??
בחור: איך האב נישט געהאט קיין ברירה הבא להרגך השכם להרגך!!
טאטע: און וואו האסטו געטון נאכדעם וואו ביסטו געגאנגען?
בחור: ס'האט זיך אנגעהויבן טון א געטומעל און די פאליס איז אנגעקומען איך האב אפגעפיצט.. געכאפט די ערשטע באס וואס כ'האב געטראפן און געלאפן פאר מיין לעבן...
מאמע: און אוואו ביסטו אנגעקומען?
בחור: איך בין געפארן און אנקומענדיג האב איך מיר דערזען אין אילת.
טאטע: וווואאאאסססס??? וואס טוט א ישיבה בחור אין

אילת?? וואו ביסטו געשלאפן? וואו האסטו געגעסן???
פארצייל שוין אלעס!!!!
בחור פארשעמטערהייט רעדט נישט..
מאמע: נאאא פארצייל שוין אלעס!
בחור: איינער האט מיך איינגעלאדענט צו איר אינדערהיים!!
טאטע: אוי באשעפער וואס איז געשען מיט מיין בחור!!
מאמע: ווען קענסטו דארט? משפחה ? וואו ביסטו אנגעקומען צו זיי? אפשר איינעם ווען איך קען?
בחור: איך האב נישט געהאט קיין ברירה איך האב נישט געהאט וואו צו שלאפן!
טאטע: פארצייל שוין ביי וועם? וואו אזוי ביסטו אנגעקומען צו איר? וואס עפעס האט זי דיר איינגעלאדענט?
בחור: ווען איך בין אנגעקומען אין אילת האב איך נישט געוויסט וואו צו גיין, האב איך מיך אראפגעזעצט אויף די שטיגן פונעם כניסה לעיר אן געלט אן גארנישט! געווען הייס שוויציג און איך האב נישט געוויסט וואס דא וועט זיין!
מאמע: און וואס ווייטער?
בחור: בקיצר לעבן דעם איז געווען אן ATM מאשין, געווען דארט א גרופע פון פרייע מיידלעך, און איך האב זיי געהאלפן.
טאטע: וואס פינקטלעך האבן זיי געדארפט פון דיר??
בחור: אזוי וואו זיי האבן זיך נישט אויסגעקענט צו ניצן די מאשין האבן די מענטשן אין בעק פון זיי אוועקגעשטיפט האב איך מיך אנגענומען פאר זיי און געהאלפן.
טאטע: פארוואס האסטו אפילו געהאט שייכות מיט שקצות??
בחור: איך האב געהאלטן אז עס איז ריכטיג זיי צו העלפן!
טאטע: יאפ אזוי זעט מען אויס אנשטאט זיין אין ישיבה דערקייטעלט מען זיך אראפ אזוי.. עבירה גוררת עבירה!!
מאמע: און וואס איז געשען דערנאך??
בחור: איינער פון די מיידלעך האבן פארשטאנען איך האב נישט וואו צו זיין, האט זיך מיך איינגעלאדענט צו איר אינדערהיים.
טאטע: וואס פינקטלעך האסטו דארט געטון א פאר טעג??
בחור: איך האב געשמאק פארברענגט .. געטראפן איר משפחה וכדו', און וואס נאך...

טאטע: אוי סאיז מיר גוט פארצייל
בחור: זי האט מיר געבעטן צו חתונה האבן מיר איר!
מאמע: האלב פארחלשט: און?? וואס האסטו געטון??
בחור: איך האב חתונה געהאט מיט איר!!!
ביידע עלטערין האבן צאמגעפאלן אויפן פלאץ!!!
אריינגעטראגן אים שפיטאל.
ווען זיי זענען אויפגעשטאנען און געקומען צו זיך זענען זיי געווארן געוואר אז זייער זין איז נישט קיין צווייטע וואו משה רבינו!!!
"ויהי בימים ההם ויגדל משה ויצא אל אחיו וירא בסבלתם וירא איש מצרי מכה איש עברי מאחיו: ויפן כה וכה וירא כי אין איש ויך את המצרי ויטמנהו בחול: וישמע פרעה את הדבר הזה ויבקש להרוג את משה, ויברח משה מפני פרעה וישב בארץ מדין וישב על הבאר: ולכהן מדין שבע בנות ותבאנה ותדלנה ותמלאנה את הרהטים להשקות צאן אביהן: ויבואו הרועים ויגרשום ויקם משה ויושען וישק את צאנם: ותבאנה אל רעואל אביהן ויאמר מדוע מיהרתן בא היום ותאמרנה איש מצרי הצילנו מיד הרועים וגם דלה דלה לנו וישק את הצאן: ויאמר אל בנותיו ואיו למה זה עזבתן את האיש קראן לו ויאכל לחם: ויואל משה לשבת את האיש ויתן את צפורה בתו למשה"

**פלאוויוס** • ‎7טן יאנואר 2015
זייער שיין! אן אויסגעצייכנטער ביישפיל וויאזוי מ'קען פארציילן היסטאריע פון צוויי פארקערטע זייטן...

**א איד** • ‎8טן יאנואר 2015
ווי שאפט מען נאך אזעלכע ATM מאשינען
ווי אויך וואו שטייט אין פסוק אז זיין טאטע מאמע זענען אריינגעפירט געווארן אין שפיטאל?

**העלא** • ‎9טן יאנואר 2015
האסט פארפעלט א וויכטיגע פוינט, נישט די מיידלעך האבן געבעטן נאך זייער טאטע

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 31סטן דעצעמבער, אין פריערדיגע יארן? א קשיא אויף „למה הרעתה“, און א שמועס איבער די 48 קניני תורה.

13
יאר צוריק
2013

## „למה הרעתה לעם הזה“ – א קשיא אויף משה רבינו'ס טענה

**יאסל ראקאווער** • קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • 31סטן דעצעמבער 2013

דעם 31סטן דעצעמבער 2013, אין דער וואך פון פרשת וארא, האט „יאסל ראקאווער“ געעפנט אן אשכול מיט א שארפע קשיא אויף די לעצטע פסוקים פון פרשת שמות:

אין אן אנדערע אשכול חקרנט חקרן צי איז משה רבינו געווען א שטער פאר כלל ישראל, לאמיר זיך צוהערן צו דעם דיאלוג צווישן משה רבינו און כביכול, דאס האט שוין פארברענט שעות ארוכות ביי פריינד און פיינט.
פארטראכט זיך און קונטקסט, וואס זאגט דא משה? צו וועם רעדט ער? ער רעדט דאך צום כביכול אליינס.

ערשטענס, גאט איז דער וואס האט אים די ערשטע ארייגעשלעפט צו העלפן די פארשקלאפטע קנעכט אין מצרים פון די פייערדיגע צרות, גאט וואס האט אים ערשט פארציילט וועגן דעם ווי' געשריי פון זיין פאלק ישראל, בו בזמן וואס ער משה רבינו זיצט אויף קעסט ביים שווער אין מדיין, ער רעדט צו גאט וואס בלי ספק קימערט זיך דא פאר זיינע יידן און גאט וואס האט אים רעקרוטעיד צו העלפן ראטעווען די יידן. פון וואו נעמט מען די גבורות הנפש אויף צו געבן קריטיק? זייט ווען איז ער די עקספערט?

והשנית, שטעלט ענק פאר דער בעל שם טוב זאגט אן אייוועלטניק: שפאן איין די פיאקער, מ'פארט קיין ברוקלין! וואלט ער געפרעגט קשיות? "וואס וועט זיין מיט דעם עולם אין מעזשבוז"? וויאזוי וועט אלעקסיי אריבער שפאנען די אטלענטיק? אז דער רבי, דער בעל מופת, הייסט! טוט מען און מ'פרעגט נישט קיין קשיות. משה ווייסט ער רעדט צו דעם כל יכול וואס מאכט א שטעקן פאר א שלאנג און א געזונטע האנט קרעציג! וואס רעגט ער זיך "והצל לא הצלתי את עמך"?

וואס האט משה רבינו געטראכט ווען ער האט זיך איינגעטענעט מיט דער "אהיה אשר אהיה", "למה הרעתה לעם הזה" למה שלחני. א מיינד באגלינג ארגיומענט אז דו קאנסידערסט ער רעדט צו גאט!

לעצט, נישט נאר השם פרעגט מען נישט קיין קשיות, האט עס אויך נישט קיין פשט צו פרעגן די אויטארטי' וואס האט ארקעסטרעיטעד די גאנצע גלות מצרים, פאר וועלכע סיבה ס'זאל נאר זיין, למה הרעתה לעם הזה. האסט עס געקענט פרעגן אייערנעכטן ביים סנה. איינמאל האסט עקסעפטעד די אויטאריטי פרעג נישט קיין קשיות.. ארבייטס נישט פאר חברה מצילי אש. ביזט ג'הייערט געווארן דורך דעם וואס האט אינטערגעצינדן די פייער.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5556.html

## „והתורה נקנית במ"ח דברים" – א ליסטע וואס מען דארף פארשטיין

**לעיקוואד און נהורא נפישא** • קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • 31סטן דעצעמבער 2014

„נהורא נפישא" האט געפרעגט א לאנגע רייע קשיות אויף דער משנה אין פרק קנין תורה – פארוואס די ליסטע איז אזוי לאנג, וואס איז דער חילוק צווישן איין זאך און דער אנדערער, און פארוואס עס קומען אויס 49 אנשטאט 48. דעם 31סטן דעצעמבער 2014 איז געקומען דער ענטפער:

לעיקוואד:

ווילסט מזאל דיר מפרש זיין יעדער שטיקל וואס עס מיינט? קוק אריין אין מדרש שמואל ער האט שיינע פשטים.. אדער ווילסטו בעסער מזאל דיר פראבירן מסביר זיין די כללות הרעיון פון דער משנה וואס א פשט האט די גאנצע ליסטע.

מקופיא (באלט וועט קומען איינער אריינקוקן אינעווייניג און מיר לייגן צונאר..), ווען מ'מאכט אזא סארט לאנגע ליסטע וועט זיין זייער שווער עס זאל זיין קלאר די בנין דערפון. דער עיקר מעשה איז אז מקען בכלל צאמשטעלן אזא לאנגע ליסטע.. מען דארף ליינען די משנה אין דעם קאנטעקסט. ער זאגט גדולה תורה מן הכהונה ומן המלכות שהכהונה בכ"ד מעלות והמלכות בל' מעלות והתורה במ"ח. נו וואסארא שייכות האבן די דריי סארט זאכן. די מעלות פון כהונה ומלכות וואס ער רעדט איז דאך די יתרונות וואס א מלך אדער כהן האט מתנות כהנה ושררות המלוכה, ווידער קנין תורה פארשטייט מען געוועגטליך אלץ תנאים וואס מען דארף אויף אנקומען צו זוכה זיין לתורה, וואס האט איינס מיט'ן צווייטן. דער כללות ההקשר ווייזט אויס ער וויל ארויסברענגען די מעלה פון דער תורה אז מיט כהונה ומלכות איז מקושר נאר אזויפיל מעלות און מיט תורה פיל מער. און ער מאכט א לאנגע ליסטע פון מעלות ומידות טובות וואס זענען מקושר מיט קנין תורה, איך ווייס נישט פארוואס דו האלטסט דאס דארף זיין סגולות צוואס, דאס איז פארשידענע תכונות ומעלות ומידות טובות וואס א תלמיד חכם האט, וואס העלפן צו תורה, וואס תורה העלפט צו זיי, וכו'. דאס איז לכאורה די כלל הדבר.

נהורא נפישא:

ועדיין לא נתקררה דעתי, דוכט זיך אז א משנה אין אבות דארף מען קענען לערנען אן קיין פארצווייגטע פירושים. כ'האב טאקע דאס אויך פארגעסן צו פרעגן וועגן דעם פארגלייך פון כהונה ומלכות איז אויך עפעס גאר מאדנע.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8042.html

לוח • נייער קאלום

# יארצייטן פון דער וואך

כ"א–כ"ו טבת. די רשימות זענען צוזאמגעשטעלט געווארן אויף היידפארק אין טבת תשס"ד (2004), ווען די טעג זענען אויסגעפאלן אויף די זעלבע טעג פון דער וואך ווי היי־יאר. פאר שבת קודש, כ"ג טבת, האבן די רשימות נישט קיין נעמען. צו כ"ב טבת – זעט דעם „אנשי שם“.

פון **כינר1**

היידפארק • חסידישע נייעס • „הילולא דצדקיא“ • 12טן און 20סטן יאנואר 2004
https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html#p6322845

---

### דאנערשטאג, כ"א טבת • 31סטן דעצעמבער

- נולד ונפטר שמעון בן יעקב אבינו ולאה אמנו משבטי י-ה • ב"א קצ"ד/ה (וי"א בכ"ח בחודש)
- הרה"ק ר' יהודה אריה לייב המוכיח מפולנאה ב"ר יחיאל מיכל זי"ע (בעמח"ס קול אריה) • תק"ל
- הרה"ק ר' ישראל אברהם ב"ר משולם זושא מאניפאלי זי"ע • תקע"ד
- הרה"ק ר' ישראל דוב בער מוילעדניק ב"ר יוסף זי"ע (בעמח"ס שארית ישראל) • תר"י
- נעקה"ש הגאון ר' מצליח ב"ר רפאל מאזוז מג'רבה זצ"ל הי"ד (בעמח"ס איש מצליח) • תשל"א

### פרייטאג, כ"ב טבת • 1טן יאנואר

- הרה"ק ר' שלמה מסטרעליסק ב"ר אורי זי"ע • תקפ"ז
- הגאון ר' ראובן חיים קליין ב"ר בנימין אליעזר אונגאר-אוירבך זצ"ל אב"ד גליל דאווידקאף (בעמח"ס שנות חיים על תולדות אדם וחוה) • תרל"ג
- הגאון ר' שמואל ב"ר ישראל העליר זצ"ל רבה של צפת • תרמ"ד
- הרה"ק ר' אברהם (בעמח"ס שבט מיהודה) ב"ר יהודה לייב אייגר (בעמח"ס תורת אמת) זי"ע • תרע"ד
- הרה"ק ר' שלום מוסקוביץ משאץ לונדון ב"ר מרדכי יוסף משה מסוליצא זי"ע • תשי"ח

### זונטאג, כ"ד טבת • 3טן יאנואר

- הרה"ק ר' נפתלי הכהן ב"ר יצחק כ"ץ זי"ע גאב"ד פוזן ופרנקפורט דמיין (בעמח"ס סמיכת חכמים) • תע"ט
- הרה"ק ר' שניאור זלמן ב"ר ברוך זי"ע (בעמח"ס בעל התניא) • תקע"ב
- הרה"ק ר' יוסף מיאמפאלי ב"ר יחיאל מיכל המגיד מזלוטשוב זי"ע • תקע"ב
- הרה"ק ר' שניאור זלמן ב"ר ברוך "האדמו"ר הזקן" מלאדי זי"ע (בעמח"ס התניא ושו"ע הרב) • תקע"ג
- הגאון ר' מאיר ב"ר יהודה לייב זצ"ל (המהר"ם א"ש) • תרי"ב
- הרה"ק ר' שמואל ב"ר אברהם בורנשטיין מסאכטשוב זי"ע (בעמח"ס שם משמואל) • תרפ"ו
- הגאון ר' אברהם שמואל בנימין ב"ר משה סופר זצ"ל (בעמח"ס שו"ת דברי סופר) • תש"ח
- הגאון ר' אליהו אליעזר ב"ר ראובן דוב דסלר מפוניבז' זצ"ל (בעמח"ס מכתב מאליהו) • תשי"ד
- הצדקנית מרת מרים בת ממה מזרחי ע"ה הכובסת מירושלים • תשכ"ו
- הרה"ק ר' חיים ב"ר משה משאץ זי"ע • תשל"ז
- הרה"ק ר' משה מרדכי ב"ר שמעון נתן נטע בידרמן מלעלוב זי"ע • תשמ"ז

### מאנטאג, כ"ה טבת • 4טן יאנואר

- הרה"ק ר' משה צבי מסאווראן ב"ר שמעון שלמה זי"ע (בעמח"ס ליקוטי שושנים) • תקצ"ח
- הגאון ר' שלמה מאזוז זצ"ל (בעמח"ס שו"ת שואל ומשיב, כרם שלמה, חשק שלמה) • תשמ"ב

### דינסטאג, כ"ו טבת • 5טן יאנואר

- הרה"ק ר' אברהם חיים ב"ר גדליה משה מזלוטשוב זי"ע (בעמח"ס אורח לחיים) • תקע"ו
- הרה"ק ר' ישכר בער ב"ר אהרן אריה מפרימשלאן זי"ע • ת"ר

**מיטוואך, כ"ז טבת • 6טן יאנואר**

- הגאון ר' שמשון ב"ר רפאל הירש זצ"ל מפרנקפורט דמיין • תרמ"ט
- הרה"ק ר' מנשה יצחק מאיר אייכנשטיין מזידיטשוב פ"ת ב"ר אשר ישעיה מפרוכניק זי"ע • תשל"א
- הגאון ר' פנחס הירשפרונג זצ"ל אב"ד מונטריאול • תשנ"ח

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

דריי מאל פרעה – פון א דרוש, פון א קשיא, און פון א פורים־ארעמאן.

## פארוואס איז לבן ערגער ווי פרעה?

**שמעון וואלף:**

געהערט לעצטענס בשם די ברוך טעם.
צא ולמד מה בקש לבן הארמי שפרעה לא גזר אלא על הזכרים ולבן בקש לעקר את הכל. דארף מען פארשטיין וואס עפעס זיכט מען קלענער צו מאכן פרעה'ס רשעות מיט'ן זאגן אז לבן איז געווען ערגער?

נאר פשט איז אז פרעה האט געוויסט אז דער באשעפער וועט נישט צולאזן אויסהארגענען גאנץ כלל ישראל אז ס'זאל גארנישט בלייבן. ער האט געזען אז ביי לבן'ן האט עס נישט געארבעט. האט ער נאר גוזר געווען אויסצוהרגענען די זכרים האפענדיג אז דאס וועט ער יא קענען אויספירן.

קאווע שטיבל • „שיינע געדאנקען פאר די ליל הסדר" • 31סטן מערץ 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8557.html#p263038

## ווי אזוי האט פרעה געשלאפן אן קריאת שמע?

**נולד מאוחר:**

אין מושיבין על הדרוש איז בהכרח בשאפן געווארן מיט דעם עצם מושג דרוש.
דרוש מיינט אז נישט ע"פ עומק הפשט וואס מיינט געוועדליך לאגיק. יעצט אויב הייבסטו אן פרעגן א קשיא לכאורה ווי אזוי האט פרעה געמעגט שלאפן אן קריאת שמע סאיז דאך דא אן הלכה אפי' בני נח איז מחויב בק"ש?
ענטפער איך לאגיק יענע צייטן איז נאך נישט געווען הלכה אדער פרעה האט נישט מקיים הלכות. איז דאך די גאנצע דרוש חרוב.
מיז מען דאך זאגן אין מוישבין על הדרוש.

קאווע שטיבל • „שואל כעניין – קושיות ותמיהות" • 18טן אויגוסט 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/356-6.html#p142902

## „ווארט נאר, דער פרעה קומט באלד“

**מצטמק ויפה:**

צוויי עניים האב'ן זיך געטראפן נאך פורים, רופט זיך איינער אן צום חבר, דער המן איז דאך געוואלדיג, ער האט אונז אהערגעשטעלט אזא שיינע יום טוב און מען האט געלייזט אפאר ראניש, זאגט איהם דער חבר ווארט נאר ווארט נאר, דער פרעה קומט באלד צו גיין און וועט אלעס צונעמען פאר די הוצאות החג.

קאווע שטיבל • „טשי־קאווע ענינים אויף פורים“ • 13טן מערץ 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6090.html#p190555

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

אונטער דעם ארכעאלאגיע־ארטיקל „ילפינן יציאה ממציאה“ (זעט „תורה און וויסנשאפט“) האט „טאמבל סאס“ זיך דערמאנט אין א ווערטל.

געוואלדיגע ארטיקל! אזוי ליינענדיג דערמאן איך מיר פון דעם ווערטל וואס מ'זאגט נאך פון יענקל מילער וועגן די געפינסן אויף סעליולאר טעלעפאן טעכענעלאגיע. אז מ'האט געטראפן אין קארליפאניע טעלעפאן דראטן פון 200 יאר צוריק, אבער אין צפת האט מען גארנישט געטראפן - אן ארכעלאגישע באוויז אויף ווייערלעס טעכענלאגיע. (כאטש ראדיא ווערוס האט שטענדיג עקזעסטירט)

**טאמבל סאס** • קאווע שטיבל • 7טן אפריל 2015

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8602.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **עיון אין דער סדרה** | „פרעה, דער פאליטיקאנט“ · **חכם-לב**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „פרעה, דער פאליטיקאנט“ · 19טן יאנואר 2017<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11246.html#p360168 |
| **שמועסן אויף דער סדרה** | „די מוטער פון יוכבד, ששה בכרס אחד, און א בילד פון משה רבינו“ · **קרעמער, פענסטער, יאנאש און אנדערע**<br>היידפארק · היימישע קרעטשמע · אשכול „^^^^^^ פרשת שמות ^^^^^^“ · 15טן–26סטן יאנואר 2006<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1763891.html#p-1763891 |
| **הלכה למעשה** | „שנים מקרא ואחד תרגום – „כל המוסיף גורע“?“ · **ברסלבער, דעת תורה, העלא און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „פרשת שמו"ת לערנט אונז, כל המוסיף גורע!“ · 16טן דעצעמבער 2013 – 27סטן דעצעמבער 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5435.html#p168362 |
| **תורה און וויסנשאפט** | „ילפינן יציאה ממציאה: שעבוד מצרים אין ליכט פון דער ארכעאלאגיע“ · **ונבנתה העיר**<br>קאווע שטיבל · וויסנשאפט · אשכול „ילפינן יציאה ממציאה ("פה-סח" - 1#)“ · 6טן אפריל 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8602.html#p264337 |
| **אנשי שם • כ"ב טבת** | „ר' מיכל'ע פון נתניה – א גוטער איד פון דעם אמאליגן טיפ“ · **שמעקעדיג, עדיאל, Kool man און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · אידישע און אלגעמיינע נייעס · אשכול „בד"ה: הרב הצדיק ר' מיכל'ע מ'זלאטשוב זי"ע“ · 13טן–15טן יאנואר 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8118.html |
| **א שמייכל** | „א בחור אין אילת“ · **smart**<br>קאווע שטיבל · א שמייכל · אשכול „א בחור אין אילת??“ · 7טן–9טן יאנואר 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8092.html#p246656 |
| **היינט מיט 13 יאר צוריק** | „„למה הרעתה לעם הזה“ – א קשיא אויף משה רבינו'ס טענה“ · **יאסל ראקאווער** · קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · 31סטן דעצעמבער 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5556.html |
| **היינט מיט 12 יאר צוריק** | „„והתורה נקנית במ"ח דברים“ – א ליסטע וואס מען דארף פארשטיין“ · **לעיקוואד און נהורא נפישא** · קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · 31סטן דעצעמבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8042.html |
| **יארצייטן פון דער וואך** | **כינר1** · היידפארק · חסידישע נייעס · „הילולא דצדקיא“ · 12טן און 20סטן יאנואר 2004<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html#p6322845 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „פארוואס איז לבן ערגער ווי פרעה?“ · **שמעון וואלף** · קאווע שטיבל · „שיינע געדאנקען פאר די ליל הסדר“ · 31סטן מערץ 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8557.html#p263038 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „ווי אזוי האט פרעה געשלאפן אן קריאת שמע?“ · **נולד מאוחר** · קאווע שטיבל · „שואל כענין – קושיות ותמיהות“ · 18טן אויגוסט 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/356-6.html#p142902 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „„ווארט נאר, דער פרעה קומט באלד““ · **מצטמק ויפה** · קאווע שטיבל · „טשי־קאווע ענינים אויף פורים“ · 13טן מערץ 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6090.html#p190555 |
| **די תגובה פון דער וואך** | **טאמבל סאס** · קאווע שטיבל · 7טן אפריל 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8602.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** מאנטאג, דעם 4טן יאנואר – נומער 22, א וועלטליכער נומער. דאנערשטאג, דעם 7טן יאנואר – נומער 23, אויף פרשת וארא.

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.